## „אויפשטאנד פון ווארשעווער געטא“ פון רחל דון-יחיא אין גרענד־פאליי

פרוי רחל דון־יחיא, די אויטאָרין פון די פּיעסן: „עם שחר“, „הפראית“, „נצחונות“ א.א.וו. און וועלכע איז אונז אלעמען באַקאַנט אלס לייטערין פון יידישן רידינג־רום, האָט לעצטנס אָנגעשריבן אַ נייע דראַמע: „דער אויפשטאַנד אין וואַרשאָווער געטאָ“. פאַרגאַנגענעם זונטאָג זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַ פּאָר מענטשן — שריפטשטעלער און שוישפּילער — פאַר וועלכע פרוי דון-יחיא האָט פאָרגעלייענט די דראַמע און אַלעמען געבעטן, ערלעך אַרויסצוזאָגן אונזער אורטייל.

פילנדיק, אַז צו אַ דראַמע וואָס האָט צום אינהאַלט דאָס בלוטיקסטע, דאָס אומבאַנעמבאַרסטע פון אונזער לעבן, קאָן מען זיך ניט צורירן מיט קיין האַלבקייטן אָדער ריקזיכט, האָט יעדער מיט גרויס צוריקגעהאַלטנקייט און אחריות אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג. מאַרק מאַרקאָוו, דער דירעקטאָר פון גרענד פאַליי, האָט די דראַמע שוין געהאַט פריער געלייענט און איז באַלד געווען פון איר באַגייסטערט און באַשלאָסן זי אויפצופירן. נאָר ווייל עס האַנדלט זיך דאָ אין אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן ענין, האָט ער צוזאַמען מיט דער אויטאָרין עס געפונען פאַר נויטיק צו הערן דעם אורטייל פון עטלעכע מענטשן מיט פאַרשטענדעניש און אחריות איבער דעם מאָראַלישן און ליטעראַרישן ווערט פון דער דראַמע. דער אורטייל איז געווען, אַז עס איז דורכאויס נויטווענדיק, אַז זי זאָל ווערן איצט אויפגעפירט. שבת דעם 13 אָקטאָבער וועט די דראַמע צום ערשטן מאָל געשפּילט ווערן אין גרענד פאַליי. עס איז צו האָפן, אַז דאָס האַרץ פון יידישן ווייטשעפּל וועט אויף אַ רגע מיט אַ קלאַפּ טאָן, און עס וועט זיך דאָרט אָנצינדן אַ פונק, חאָטש אויף אַ רגע דעם חושך צו באַלייכטן.

### אַן ענטשולדיקונג

דער וויכטיקער אַרטיקל פון דוב וואַרשאַווסקי, איבער דעם פּראָצעס פון בעלזען, און דער בריוו פון אַלעגאַריער וועגן טעאַטער אין ווייטשעפּל, און ל. אַלמאַנס ענטפער פוקסן בנוגע זיין יידיש־פּאָלעמיק, און פוקסנס דערקלערונג אויך שטענצלס אַרטיקל איבער עובדס בוך „אין חדר אַריין“ אין קומנדיקן העפט

### מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין גרענד־פאַליי, קאָמערשעל־רויד, א.1.—3 אַזייגער)

שבת, דעם 6־טן אָקטאָבער, געווידמעט דעם אָנדענק פון מאָריס מייער ע״ה.

שבת, 13־טן, ש. אויערבאך—אַ פאָרטראַג איבערן ספר איוב.

שבת, דעם 20־סטן, אליהו פאַלושאָק — איבער די יידישע פּאָליטישע סיטואַציע.

שבת, דעם 27־טן, רעציטאַציעס פון משה עובדס „אין חדר אַריין“.

**א. נ. שטענצל**

---

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, לאָנדאָן, א.1.
פרייז -/1.



# דאס 70'טע יידיש-העפטל

---

## פארוואס יידישע קולטור און פארוואס דוקא אין יידיש

אַ קאָלעקטיוו, פּונקט ווי אַ יחיד, מוז ווייניקסטנס האָבן כאָטש איין פּונקט אינעם לעבן וואו ער קאָן זיין גאַנץ פריי, האָבן אָן אייגענעם רצון, בכדי צו קאָנען עקזיסטירן. אויב דער ווילן איז גאַנץ אָפּהענגיק ווערט מען אָפּהענדיק, ווערט מען געבונדן פון ליידנשאַפטן און צופעליקייטן, לעבט מען אָן אחריות און אָן געוויסן.

דער מאַרטירער ווערט פּונקט אַזאַ פּאַטאַלאָגיש אָביעקט ווי דער רוצח, וועלכער הרגט אים, אויב ער איז נישט באַוואוסט און פריי אין זיין לעצטן רצון. מ'מוז זיך קענען אויסלעבן מיט די לעצטע מסירת־נפש-מינוטן, בכדי צו ווערן אַ קדוש מיטן אייגענעם טויט. מיר זיינען געוואָרן אומשטערבלעך מיט די עשרה הרוגי מלכות, ווייל זייער טויט איז געווען זייער טיפער באַוואוסטזיין, זייער אינערלעכער קיום. נישט מיטל נישט אָביעקט פאַר אַנדערע זיינען זיי געוואָרן מיט זייער טויט; זייער גאַנץ לעבן האָבן זיי אים געהייליקט אין זיך, סוביעקטיוויזירט אים אין זיך צו דער העכסטער מדרגה.

און אויב מיר האָבן אויסגעהאַלטן דעם פינסטערן מיטלאַלטער איז עס דאָך געווען דער אייגענער מיטלפּונקט, וועלכער האָט געליעט אין אונז שטאַרקער ווי די פלאַקערנדיקע פאַקלען פון די ציענדיקע קרייץ-צוגן, ווי די אָנגעצונדענע שייטערהויפנס.

אין מיטן דער פינסטערער וועלט זיינען מיר געשטאַנען מיטן אייגענעם פעסטן ווילן, מיטן אייגענעם ברענענדיקן רצון און אויסגעשריגן אין דעם ברוטאַלן דריי אייניקייט פון כאָאָס און חשכות און חוצפה! „אדוני הוא אלהים“! און פּונקט ווי מ'וואָלט זיך עקשנותדיק געריצט און מיט יידישלעכן דוקא האָבן מיר תאוהדיק און מיט הנאה של מצוה זיבן מאָל געצויגן:

„אדוני הוא אלהים“!
„אדוני הוא אלהים“!

און וואו נאָך איז דען פאַראַן און איז דען מעגלעך גרעסערע פרייהייט ווי אין מסירת־נפש, ווי אין מאַרטירערטום?! פריי איז דעמלט דער מענטש, איבער זיין אייגענעם לעבן דער אַבסאָלוטער הערשער — — אין קייטן אַ געבונדענער, פון ברענענדיקע פלאַמען אָן אַרומגעכאַפּטער, אָבער צעקלונגען ווערט גאַנצע וועלט מיט זיין אייגן געשמידטן ווילן, אויפגעלויכטן פון זיין געהייליקטן און טליענדיקן רצון.

און דאָס־אַ, אָט דער ווילנס פרייהייט, דאָס אחריות־געפיל אונזערס, איז פאַר אונז אַצינד די יידישע קולטור.

• • •

אונזער יידישלעכע געזעלשאַפטלעכקייט איז אַ סקאַלע־לייטער פון כבודים־מחלוקה׳לעך ביז מסירות; אונזער יידישע פּאָליטיק ווערט תמיד אויסגעשפּילט פאַר פרעמדע צוועקן, און די טראַקטאַטן פאַר ביידע איז דאָס אַפּיעל־אַדרעסן־בוך. דורך אונזער גאַנצער בלוטיקער געשיכטע שלעפּט זיך די „כפה של שרצים“ פון אונזערע געזעלשאַפטלעכע טוער און פּאָליטישע מנהיגים.

איז אַ וואונדער שוין די ברוטאַלע חוצפה און דער בטול לגבי אונז פון די אַרומיקע פעלקער! אַז אַך און ווי צו דעם ווערעמדיקן געקריך אונזערן, צו דער פאַטאַלער פּאַטאַלאָגיע פון אונזער מאַרטירערטום, צו דעם געבונדענעם בהמה־קרבן צו דער שחיטה אָן שום יהי רצון — אָן פרייען ווילן, אָן אחריות, אָן געוויסן! אַז אַליין שוין ווילט זיך אַרויפשטעלן אַ פוס אויף דעם וואָרעם אים צוצעקוועטשן, אַז אַליין שוין ווילט זיך אויסשטרעקן דעם האַלדז צו דער שחיטה: זאָל דאָס כאָטש זיין דער איינציקער פרייער ווילן, זאָל כאָטש אַזוי־אַרום געשען און אויסגעפירט ווערן דער אייגענער רצון —

און זאָל זיין, אַז נישט אַ לעבנס ווילן — אָבער אַ ווילנס פרייהייט איז עס! אַ מיטל־פּונקט אינם ביטערן פינסטערן און אינם פאַרמיאוסטן לעבן גאַנץ פריי צו זיין, און מעג עס זיין אַזוי שמאָל ווי דער שאַרף פון אַ מעסער.

אפשר האָט עס נישט אין זיך די גבורה פון אַ „תמות נפשי עם פלשתים“, אָבער די צער־ביטערקייט פון אַ יונה בן אמתי האָט עס אין זיך; די פּאַטאַלאָגישקייט פון בהמה׳שע אומבאַהאָלפנקייט ווערט אויפגעבונדן און אויפגעקניפּט אינם וואונדערלעכן געקנויל פון יחזקאל׳שע וויזיעס.

און דעמלט איז דער גאַנצער ערד־באַלעם דער פאַרפּלאָנטערטער קנויל אין אונזערע הענט און מיר ווערן די עקזיסטענץ פון דער וועלט — מיר זיינען מיטשאַפער מיטן מעשה בראשית!

און עס איז תמיד געווען אָט דער צעקניפּטער און צעוויקלטער ווייס־געוואָרענער רויטער פאָדעם אין אונזער געשיכטע, דאָס אחריות און דאָס געוויסן, וואָס איז געוואָרן די עקזיסטענץ פון אונזער לעבן. שאַפנדיק אונזער קולטור בלייבן מיר לעבן! און וואָס זיינען שוין אַלע אינערלעכע נסיונות און אויסערלעכע שטרויכלענישן אין אָנבליק פון אומשטערבלעכקייט? זיי ווערן מיט דערהויבן אין די נצחיות פון שעפערישקייט!

• • •

דערפאַר איז די יידישע קולטור דער איינציקער געבליבענער פּונקט וואו מיר זיינען אַבסאָלוט פריי, וואו אונזער געראַנק, אונזער געפיל איז לעבעדיק באַוועגלעך, פון קיינעם נישט אָפּהענגיק -- און ממילא איז אונזער עקזיסטענץ געזיכערט! און אין וואָסער קייטן מ׳זאָל אונזערע הענט נישט



בינדן נישט קאָווען אונזערע פיס, אונזער ווייטערער וועג איז צעקלונגען מיט אונזער גאָלדענער קייט.

מ׳האָט אונזערע קינדער איצט אויסגעקוילעט, אין גאַז־קאַמערן פאַרגאַזט, לעבעדיקערהייט פאַרברענט זיי אין די אויוונס, אָבער:

„אונטער די גרינענקע ביימעלעך
שפּילן זיך משהלעך שלמהלעך“.

און „דאָס קראַנקע ייִנגעלע“ ביי פּרצן! ווי מלכות׳דיק געאיידלט און ווי עסטעטיש געהייליקט מיטן לעצטן טראָפּן בלוט פון זיין שוואַכן הערצעלע פול גענאָד און רחמים, איבערצוקומען די גאַנצע רשעות פון דער וועלט.

און זאָלן איצט קומען אַלע פעלקער פון דער וועלט, — מיט אַלע זייערע „חסידי אומות העולם“! — און באַווייזן מיט אותות ומופתים, אַז מיט רעכט האָט מען פאַרטיליקט די יידן פון מזרח אייראָפּע, ווייל מיר זיינען דאָס „אָפּפאַל פון דער וועלט“.

זאָלן זיי זיך איצט אַלע צוזאַמענקומען און אויפהויבן זייערע בילנדיקע אויגן, — ווי די הינט אַנטקעגן אַ פולע פאַרבלוטעקטע לבנה! — און זיי וועלן זיי זעען: ווי די שטערן אין הימעל, — נישט אויסצוציילן! — לייכטן אונזערע קינדערלעך; געקוילעטע פאַרטיליקט לאַכן זיי, זייער שלום־עליכם׳דיק אייביק געלעכטער.

און נישט נאָר אונזערע קינדער — בנעורינו ובזקנינו זיינען מיר פאַראייניקייט אין אונזער ליטעראַטור!!! מיר זיינען לעבעדיק פריי אין אונזער גייסטיקע שאַפונגען זיינען מיר אומשטערבלעך ווי לאַנג מענטשלעכער גייסט וועט זיך פריי באַוועגן.

אַ לעבעדיק שעפעריש פאָלק שטעקט דעמאָלט נאָך אַרויס אַ לאַנגע רויטע צונג אַ רציחה׳שער וועלט הענגנדיק שוין צומאָל אויף תליה; תאווהדיק צעקנאַקן זיך נאָך די ביינער, צומאָל שוין ברענענדיק אויף שייטערהויפנס, זיך צו מאַכן ירשה׳ענען לדור דורות.

• • •

און דער אייגענער טעם, וואָס מסירת-נפש, וואָס קדוש-השם איז געבליבן אונזער איינציקע מעגלעכקייט, אונזער איינציקער פרייער אויסדרוק אין אונזער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער עקזיסטענץ, איז יידיש אַצינד אין אונזער נאַציאָנאַל־קולטורעלער.

גיין אויפן גרינגסטן וועג פון קלענסטער שטרויכלעניש, איז נישט דער שטאָלץ פון אַ פאָלק, אָבער דערגיין קענען אויפן שמאָלסטן וועג, — אויף אונזער געצויגענעם פּעטליע־שטריק! — דאָס איז גייסטיקע באַוועגלעכקייט!! מיר האָבן קיין אַנדער מעגלעכקייט נישט געהאַט — — פון תליה־שטאַנג צו תליה־שטאַנג האָבן מיר דעם צעקניפּט־צעבונדענעם, דעם צעקנוילטן באַלעם אויסגעצווינגן און מיר זיינען געגאַנגען און מיר האָבן דעם קונץ־שטיק באַוויזן; דער גאַנצער קיילעך ערד האָט זיך צעוויקלט אונטער אונזערע פיס און מיר זיינען נישט אַראָפּגעפאַלן — —

גייסטיקע שאַפונג איז מענטשלעדע הועיה און תנועה פון פריי־באַוועגלעכער געהירן־צוקן; געשאַפענע עכטע דיכטונג איז מאַרזע־שריפט פון אויסגעקלאַפטן האַרץ! עס איז די חתימה, די שפּיגלונג פון אונזער בלוט!! און יעדער געמאַכטער אינערלעכער מי און יעדן צוטון פון אויסערלעכער קראַפט געשעט עס; נישט מיט אויסגעפּאַרעמטע ווערטער פאַרעמט עס זיך, שאַפונג איז אויסגעטאַטעמטער הויך, וואָס ווערט געפּאַרעמטע אייז־בלום אויף קאַלטן פענסטער — אויף פענסטער צו אָפענער וועלט פון פאָלק צו פאָלק!

און פאָלקס־שאַפונג איז „שכינה מדברת מתוך גרונו של משה" — מיט אונזערע אויג זעען מיר עס, זינגען מיר עס, מיט דער מאַמעס מילך זויגן מיר עס אין אונז אריין אין אונז, און שפּעטער ערשט וועטר עס שפּראַך.

און דאָס איז פאַר אונז יידיש, דאָס איז פאַר אונז אונזער גלות שפּראַך, — מיר זיינען נאָך ליידער אין גלות! — (אויך ארץ ישראל איז ליידער אויך נאָך אַ גלות־לאַנד און דאָס העברעאיש דאָרט איז פונקט נאָך אזאַ אויסגעלערנטע שפּראַך, ווי אַלע פרעמדע שפּראַכן, להבדיל, אין די מיילער פון יידישע קינדער אין אַלע אַנדערע לענדער) און אַזוי גרינג און אַזוי לייכט ווי אַ ייד גייט אויס מיטן ד׳ פון אחד און ר׳איז פריי, און ער איז אינם ליכטיקן מיטל־פונקט פון לעבן, אַזוי איז אונזער יידישע שפּראַך פאַר אונזער שאַפנדיקן פאָלק. — אונזער שאָטן איז געוואָרן דער מעדיום פאַר אונזער שאַפן. דער תליה שטריק אויף וועלכן אונזער גאַנג איז אַזוי לעבעדיק באַוועגלעך, אַזוי קונציק פריי, אַזוי טענצלדיק־שפּרינגנדיק, אַזוי אומאָפּהענגיק זיכער, איז דער שטריק פון יעקעלעס ווינעלע, און אָפּגעקניפּטער פונם העלדזל פונם גאָלדענעם ציגעלע.

א. נ. ש.

## הרב דוב וואַרשאַווסקי

# זיי שטייען אויף זייערע קעפּ...

### באַטראַכטונגען צום בעלזען־פּראָצעס

נאָך אַ האָפנונג איז אויסגערונען. די „טעאָריע" מיט וועלכער מאַנכע יידן האָבן זיך געטרייסט: ווער ס׳וועט מאָנען די עוולה פון די גויים וועט אויך די יידישע עוולה מאָנען — איז צעשוואומען. דער איינציקער אַמעריקאַנער פליהער, וועלכער איז דורך די דייטשן געטויט געוואָרן אין סאַלט בלוט, איז רעוואַנזשירט; זיינע מערדער זיינען שוין געהאַנגען. אויך דער איינציקער ענגלענדער, וועלכער איז „צופעליק" געשטאָרבן אין בעלזען־לאַגער וועט באַערט ווערן פון דער גערעכטיקייט. פאַרבליבן זיינען בלויז מיר יידן מיט אונזער שרעקלעכער עוולה, וואָס פאַרצערט אונזערע געהירן און צעטאָטשעט אונזערע הערצער, פאַרוואַנדלענדיק אונזער יעדן ביסן ברויט אין אייטערדיקער מאַטעריע און יעדן שלוק וואַסער — אין בלוט...



מיין אויסזעצונג געגן דעם בעלזן־אוישוויץ פּראָצעס איז נישט נאָר צוליב דער באַליידיקונג פון מאַיאָר ווינוואָוד, אַז „די קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָבן ענטהאַלטן דאָס מיסט פון די געטאָס". אָדער, אַז דער פּראָצעס ווערט צו לאַנג פאַרצויגן א. א. וו. ווייל אויב עס גייט נאָר אין דעם, טאָ האָבן אונזערע יידישע פירער נישט געדאַרפט וואַרטן אַזוי לאַנג מיט זייער פּראָטעסט. איז דען נישט דער אויסדרוק פון קעפּ. בראַאון (נ. ק. 21 סעפּ), אַז „אין די גאַז־קאַמערן האָט מען געגאַזט בלויז קראַנקע און שוואַכע יידן", און אַז „אונזערע פרויען זיינען פרייוויליק געגאַנגען אין די שאַנד־הייזער" — אַ טיפע ווייטאָגלעכע באַליידיקונג? עס מיינט דאָך דאָס זעלבע, אַז די דייטשן האָבן רעכט געהאַט צו גאַזן די דאָזיקע 6,000,000 יידן, ווייל זיי זיינען געווען קראַנק, אונמאָראַליש און אומפעאיק צו לעבן! (נישטאָ וואָס צו ריידן, אַ פיינע לאָגיק פון אַ פאָרשטייער פון ענגלישער גערעכטיקייט...!) און ווען דער יידישער עדות בימקאָ שטעלט פעסט, אַז אין די גאַז־קאַמערן האָט מען געוואָרפן בלויז יידן אָבער נישט נאָר קראַנקע נאָר אויך געזונטע, גיט דער זעלבער „גערעכטיקייט־פאָרשטייער" אַוואָרף צום עדות: „דו זאָגסט ליגנד!" דאַן נאָך, גלייך ביים אָנהויב האָט מען געדאַרפט פּראָטעסטירן! מאַיאָר ווינוואָוד איז געווען דער נאָכפאָלגער פון זיין קאָלעגע בראַאון א. א.

ניין, נישט אין דעם גייט מיר דאָ. איך ווער שוין היינט נישט באַליידיקט. און פון מיינעטוועגן מעג זיך דער פּראָצעס שלעפּן יאָרן, עס אַרט מיר נישט. איך האָב פריער פיל נישט אויסגעשטעלט אויף דער גערעכטיקייט פון דער קרייציקער „קרייץ"־וועלט... און איך בין יעצט אויך נישט ענטוישט הערנדיק און לייענדיק וואָס דאָרט אוף דער „עקסהיבישאָן" (ווי ליידי מעווים טייט האָט אים אָנגערופן, ס. ק. 28 סעפּ.) פון גערעכטיקייט קומט פאָר. דער ענין „בעלזן" איז בלויז איין יוניקום פון דעם לאַנגן געפּלאָנטער און כאָאָטישקייט, וואָס עס הייסט: „שטראָף די מערדער־אַקציע". עס גייט אָן אַ געפערלעכע קידער־ווידער, אונערלעכע און אינטריגאַנטישע הינטער־קוליסן־פּאָליטיק אַרום אָט דעם אָנגעווייטאָגטן ענין. איין רעגירונג וואַרפט די שולד אויף דער אַנדערער און דער רעזולטאַט — דער דייטשישער מערדער באַקומט אַ קניפּ אין באַק און מיר בלייבן מיט דער עוולה!

איין כאַראַקטעריסטיק. אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק איז געזעסן דער בערגערמייסטער פון טירגאַרטן אָנגעלאָדן מיט פאַרברעכנס. דאָס ענגלישע געריכט האָט אים באַפרייט. אויף מאָרגן איז דער זעלבער „אומשולדיקער" דייטש פאַרמשפּט געוואָרן פון זעלבן געריכט אויף דריי יאָר תפיסה. דער אויסרייד פון פרעזעס פון געריכט איז געווען, אַז „פּאָליטיקאַנער האָבן געשטערט דעם גאַנג פון פּראָצעס" (נ.ק. 26 אָקט.). מען האָט אונז איינגערעדט עס זיינען דאָ שוועריקייטן מכח די פּראָצידורן פון אינטערנאַציאָנאַלע און לאָקאַלע געזעצן — עס איז אָן אונזין! עס זיינען אַלעס ביי־זוויליקע, פאַבריצירטע „קאָמפּליקאַציעס"...

האָט זיך אימיצער אַמאָל פאַרטראַכט, פאַרוואָס האָט מען נאָך לאַנגע חדשים פון הכנות צום בעלזן פּראָצעס קוים אויסגעקראַצט אַרום 42 באַשולדיקטע און צווישן זיי פּאָליאַקן, רומעניער, יוגאָסלאַוון א.א. און אַ טייל פון זיי „פּרוויליינס״? פעלן דען רוצחים אין דייטשלאַנד? אין די מיליאָנען זיינען זיי דאָ! יעדער דייטש האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו דערשלאָגן אַ ייד! פאַרוואָס האָט מען גראָד אויסגעקליבן אָט די דאָזיקע הענקער באַצאָלטע און אומווירדיקע באַנדע פון קראַמערן? — אָט למשל איז ערשט איצט דאָ געשען אַזאַ מין פאַל מיט אַ געוויסן ד״ר ערנסט שמיד, וועלכן די פאַרייניקטע האָבן באַשטימט אַלס אויפזעער איבער די לעבנגעבליבענע אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן אין דייטשלאַנד, און דערדאָזיקער „פיינער מאַן״ איז געקומען עדות זאָגן לטובת איין באַשולדיקטן אויפן בעלזען־פּראָצעס און אין רעזולטאַט פון זיין עדות זאָגן איז אָט דער „פויגל״ געוואָרן אַרעסטירט, אַלס איינער פון די ס.ס. דאָקטוירים, וואָס האָט אַ שייכות צום דעם מאַידאַנעק־טויטן־לאַגער ביי לובלין וואו עס זיינען פאַרגאַזט געוואָרן אַרום 2,000,000 יידן, ווי דער העכט האָט אַליין מודה געווען (ד. ע. 26 אָקט.). אַזעלכע „אומשולדיקע״ דייטשן זיינען דאָ אין דייטשלאַנד איבערגענוג... און ווידער, פאַרוואָס האָט מען אויסגעמישט אין איין טאָפּ אַ פּאָר „נאַצים״ מיט די „בראָדיאַגעס״ פון די אַנדערע מלוכות? — פּשוט, די אָרגאַניזאַטאָרן פון פּראָצעס האָבן געוואָלט, ערשטנס, צו דיסקרעדיטירן אַנדערע מלוכות און צו באַווייזן, אַז נישט נאָר דייטשן נאָר אויך אַנדערע האָבן געמאָרדעט און געשאָכטן און דערמיט במילא פאַרגרינגערן די שולד פון דייטשן פאָלק; און דאָס צווייטע — גאַנץ איינפאַך, עס איז נישט געווען קיין אַנדערע רוצחים! איר וואונדערט זיך? — ליידער איז עס אַזוי.

דער סוד איז איצט אויסגעזאָגט. די אַמעריקאַנער פאָרשטעער אין אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט פאַר מלחמה פערברעכער האָבן געפאָדערט צו משפּטן אַלע דייטשישע אָפיצירן פון דייטשן גענעראַל שטאַב אַלס מלחמה־פאַברעכער. געגן דעם זיינען אַרויסגעטראָטן די פאָרשטייער פון ענגלאַנד, רוסלאַנד און פראַנקרייך מיט דער טענה, אַז „סאָלדאַטן זיינען סאָלדאַטן און זיי האָבן צו אויספירן פאַראָרדענונגען״. אַלס קאָמפּראָמיס צו ריכטער יעקסאָן (אַמעריקע — ייד?) פאָדערונג זיינען די אַנדערע איינגעגאַנגען צו צוציהען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט בלויז די גענעראַלער קייטעל און יאָדל די הויפּט פון גענעראַל־שטאַב (ד.ע. 19 אָקט). לויט דער דאָזיקער הנחה קומט אויס, אַז אַלע דייטשישע אָפיצירן און סאָלדאַטן, הגם זייער פאַרברעכן איז באַוואוסט, זיינען מיט איין פעדער־שטריך ריין־געוואַשן געוואָרן פון שולד! אויף דעם גרונד איז אויסגעבויט דער בעלזען־פּראָצעס ווי אויך דער נרענבערגער פּראָצעס.

דערפאַר זאָגט מאַיאָר ווינוואוד, אַז „קראַמער איז ניט קיין ס.ס.־נאַרד, נאָר אַ מיטגליד פון דייטשישער אַרמעע״ (ד.ה. 9 אָקט.). און דעריבער שרייט



קראַמער, אַז ער האָט בלויז אויסגעפירט די פאַראָרדענונגען פון היטלערן און הימלערן. (די לעצטע צוויי מוזן ערגעץ וואו אָנקוועלן. זייער פּלאַן ארבעט...)

איז אָבער צו דער זעלבער צייט פאָרגעקומען אַן אַנדער פּראָצעס. די מאַנשאַפט פון אַ דייטשישער סאַבמאַרין זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אין זיין באַשולדיקונג־רעדע האָט פּאָלקאָווניק ריטשאַרד הייסעל געזאָגט: אַ פאַראָרדענונג פון דער העכערער מאַכט וואָס איז אונלעגאַל קען נישט גענומען ווערן אין באַטראַכט אַלס פאַרטיידיקונג פאַר דעם וואָס פירט אויס די פאַראָרדענונג״ (ס.ק. 21 אָקט.). וועט איר זיך אודאי וואונדערן, ווי קומט דאָס־? איז עס נישט אין סתירה צום אויבן־געפּאַסטן געזעץ? — געוו״ם! די זאַך איז אָבער, וואָס אין דעם פאַל האָבן די דייטשישע מאַטראָסן געשאָסן צו „קראַנקע און אָפּגעשוואַכטע״ ענגלישע מאַטראָסן, וועלכע האָבן זיך געראַנגלט מיט די כוואַליעס פון ים...

אָט דאָס איז עס. אַזוי זעט אויס די גערעכטיקייט פון דער היינטיקער וועלט פון יושר און הומאַניזם. ווען די קרבנות זיינען יידן איז אַן אַנדער „גערעכטיקייט״ און ווען די קרבנות זיינען ענגלענדער איז ווייטער אַן אַנדער גערעכטיקייט; פאַרן אויסשעכטן 6 מיליאָן יידן איז בלויז היטלער שולדיק, און פאַר דאָס לעבן פון אַן ענגלענדער איז יעדער דייטש פאַראַנטוואָרטלעך...

זער ריכטיק האָט באַמערקט א. דזייקאָבס אין דיילי עקספּרעס, 25 אָקט. וועגן בעלזען־פּראָצעס: „אַז אום כדי צו באַווייזן אונזער פיינקייט און איידלקייט (צום דייטש) האָבן מיר זיך צופיל אַריבערגעבויגן אויף הינטערוויילעכץ און עס דראָט אונז אַ סכנה פון שטיין אַזוי אויף אונזערע קעפּ״... יאָ, עס איז טאַקע אַ סכנה! פון אַזאַ מין „קאָפּ־אַראָפּ־גערעכטיקייט״ קען זיך די וועלט זיכער איבערקערן! אַנדערש געזאָגט, די וועלט האָט שוין טאַקע באַקומען אַ פּנים פון אַ צירק, וואו עס רעגירן אַרום פּאַיאַצן און חיות...!

מיט ביטערניש האָב איך געלאַכט דאַן ווען איך האָב געלייענט דעם האָפּערדיקן באַריכט פון ד״ר באַרו פון דער פאָרגעקומענער קאָנפערענץ פון „יידישן וועלט קאָנגרעס״ אין אַמעריקע, אַז דער קאָנגרעס גייט זאַמלען מאַטעריאַל וועגן די דייטשישע שחיטות אויף יידן און איבערגעבן עס צום אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט. ה ם ם... דאָס אַלעם? מאַטעריאַל זאַמלען איז נישט גענוג! — אַדוואָקאַטן, אָנקלאָגער האָבן מיר געדאַרפט האָבן אויף די פּראָצעסן! וואו זיינען אונזערע גערעכטיקייט־מאָנער (ווי גרוזענבערג), וועלכע זאָלן שטעלן און מוטיק פאַרטיידיקן אונזער כבוד און מאָנען אונזער עוולה?!!!

קלאָר, מיר׳ן יעצט מוזן אַרויסטראָגן אונזער אייגענעם אורטייל איבער די דייטשע מערדער פון 6,000,000 יידן, וואָס שרייען נאָך נקמה, טראָץ דער קעגנערשאַפט פון די וו. גאָלאַנץ׳ס, — אַנדערש, וועלן מיר ניט ווערט זיין צו טראָגן דעם נאָמען ייד און מענטש, און דאָס מיינט ח ר ם! ח ר ם! ח ר ם!

משה עובד

# פון איין פעלז

(איבערלעבונגען)

די מעשה האָט פּאַסירט מיט אַכצן יאָר צוריק. איך האָב נאָך דאַמלט נישט געזעען און נישט באַגריפן די פאַרבינדונגס בריק צווישן וואָרט און גאָלד. געמיינט דאָס צווישן צײַלטיש און שרײַבטיש איז אַ „נאָ מענס לענד", אַ „נאָ גאָטס לענד", אַ געפערלעכער תהום. איך בין געשטאַנען בײַם צײַל־טיש און באַדינט אַ קונה'טע. „באַדינט", ווײַל אַזוי לאַנג ווי איך האָב נישט באַזעסן די בריק, האָב איך נאָך נישט געקאָנט מײַסטערן! איך האָב זי באַדינט מיט דרײַ גרויסע רינגען, יעדער איינער מײַנס אַ ליבלינג און איר גערעכנט פאַר אַלע דרײַ די טראַגיש־היסטאָרישע סומע פון דרײַסיק, נישט שקלים, נאָר פונטן.

זי האָט אײַנגעשפּאַנט אין זײַ דרײַ פינגער פון איר לינקער האַנט. ווי יחוס־פערדלעך האָבן זײַ נאָר אַזוי געשפּרונגען און געבריקעוועט פאַר פרייד. זי לייגט אַוועק אַ טשעק־ביכל און אַ פעדער אין דער רעכטער האַנט, ווי אַ בײַטשל און קנאַלט אַרויס אַ פראַגע: „וועסט נעמען אַ טשעק?".

— אַ שיינע פראַגע! — ענטפער איך איר — ס'גאַנצע ביכל אפילו!

— פאַרוואָס טרויסטו מיר, דו קענסט דאָך מיך נישט?

— אַז איך טרוי דיר מיט שיינקייט, זאָל איך דיר נישט טרויען מיט געלט?

— אָה, דו האָטס אַ קינסטלערישע נשמה — זאָגט זי — אַ שאָד וואָס דו האָסט אַ קראָם.

און מײַן (1927) געוויסן האָט גענישט דאַרויף.

זי שרײַבט אויס אַ טשעק מיט אַ בראַוון, געוואַגטן כתב־יד, און איך גיב אַ קוק אויף דער שוואַרצער נאַסער חתימה. אוי! ס'ווערט מיר פינצטער פאַר די אויגן. ס'לײַנט זיך „אָפּאַל אַלפרעד דאַגלעס".

פאַרוואָס איז מיר געוואָרן אַזוי פינצטער? — ווײַל צו יענער צײַט איז לאָרד אַלפרעד דאַגלעס געווען דער פּאָפּולערסטער בײַסנדיקסטער יידן־פײַנט אין ענגלאַנד.

— ביסטו לעדי אַלפרעד דאַגלעס? — פרעג איך זי.

— יאָ, זאָגט זי.

— זײַ וויסן דאָס איך בין אַ ייד, אפשר ווילסטו חרטה קריגן, טאָ נאַדיר צוריק דײַן טשעק!

און די רינגען ווערן טרויעריק, אירע פינגער שטײַף, און אירע ליפּן צי־טערן:

— איך בין נישט שולדיק. גאָר נישט שולדיק. שוין יאָרן ווי מיר לעבן נישט צוזאַמען, אַלעס איבער זײַן פּראָפּאַגאַנדע.

—זעסטו אים טיילמאָל?



— יאָ, איך קען אים אייביג זען ווען איך וויל אים זען.

— איך האָב צו דיר אַ בקשה — זאָג איך — אַראַנזשיר אַ ראַנדעוווּ צווישן אונז. איך בין זיכער דאָס איך קען אים איבערצייגן דאָס ער איז אומבאַרעכטיקט אין זײַן מלחמה קעגן יידן. זער גוט, מאַכט זי, ער קומט טאַקע קומענדיקן זונטאָג צו מיר אויף טיי קום אויך, אדרבא, און רייד מיט אים.

ס'איז געקומען זונטאָג האָב איך אָנגעלייגט מײַנע טאַשן מיט צאַצקע־לעך און שקעטעלעך און מיט טײַערע שטיינער, וואָס דער חושן ואופד האָט קוים געחלומט פון זײַ אָנגעגורט זיך אין באַרימטן פלושן רעקל, פאַרקנעפּלט דעם אויבערראָק און אַהין.

איך בין נישט געפאָרן, נאָר געגאַנגען די עטלעכע מייל צו איר הויז, כדי צו האָבן מער מעגלעכקייט גייענדיק אַ לאַנגע שטרעקע אויף די צוויי העמער־פּיס אויסצושמידן אײַזערנע אַרגומענטן לטובֿת יידן און יהדות און אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט בכלל, און אויב אַ המן אָדער אַ פרעה שטייען אין וועג, טאָ מוזן זײַ ווערן צושמעטערט!

קום אַרײַן צו לעדי דאַגלעס אין שטוב. זײַנען שוין געשטאַנען אויף דעם מזבח פון טיש סענדוויטשעס אײדעלע, און טשאַסטקעס זיסע און פון שנאָבל פון זילבערנעם טיי־טאָפּ איז געגאַנגען אַ הייסע פאַרע ווי ער וואָלט געהאַט אין דער קעל אַ הייסע קאַרטאָפל.

איך האָב נהנה געווען פון די אָפּערונגען און פון די זיסע אַנגענעמע טשאַסקעס, און לאָרד אַלפרעדס שטימע אין מאַניערן זײַנען צו מײַן ערשטוי־נונג אויך געווען זיס און אַנגענעם.

ליידי דאַגלעס האָט מיר געוויזן שיינע מיניאַטורן פון איר גלעזערנעם קאַבינעט און איך איר פון מײַנע וועסטן טעשלעך, (מײַנע לייוונטענע קאַבי־נעטלעך), און די שיינע זאַכן האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט שטראַלן און זיך באַגריסט. צווישן פיל פון זײַ איז גאָר געוואָרן אַ גרויסע שמחה, ווײַל זײַ האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט זײַט דעם טאָג זײַ זײַנען געוואָרן אָבגעבראָכן פון איין פעלז, אָדער אויסגעהוילט פון איין גרובן־שאַכט און זײַ־נען געוואָרן פאַרשפּרייט איבער דעם פּנים און לײַב פון דער וועלט, און זיך שוין מיאש געווען איינער פון צווייטן, איצט האָבן זײַ זיך ווייטער באַגעגנט. אַ נאָבעלע זילבערנע וואַזע מיט אַ צין־צוזאַמענגעלייט זילבערן קידוש־בעכערל, איצט האָבן זײַ זיך באַגעגנט און דערקענט דאָס זײַ שטאַמען פון איין פעלז זײַנען זײַ זיך געפאַלן אויף די העלזער ווי יוסף מיט די ברידער, זיך געקושט און געוויינט פאַר פרייד.

מיר דרײַ האָבן צוגעקוקט און געשעפּט נחת פון זייער טיפן קוואַל פון פרייד.

לאָרד דאַגלאַס האָט אין גאַנצן פאַרגעסן דאָס ער האָט יאָרן לאַנג זיך אויסגעשליפן אַ שאַרפע צונג אויף די קאָלומנס פון צײַטונגען, וואָס האָט

אונז געשטאָכן און געשניטן אין דער זיבעטער ריפּ. און איך האָב איינגאַנצן פאַרגעסן דאָס איך האָב מיין גאַנץ לעבן געשמידט א פאַנצער פאַר מיין פאָלק זיי צו באַשיצן געגן די שאַרפן צונגען פון פיינט (און היינט, אָה, גאָט! דעם פאַנצער האָב איך, אָבער וואו איז ס׳פאָלק ? !).

איך בין אַוועק נישט ריידנדיק אַ וואָרט וועגן יידן.

אַרויסגייענדיק פון הויז האָב איך געפּאַקט אַ מיאוסן פּסק פון מיין 1927 געוויסן :

„צו דעם בינסטו געגאַנגען ? צו דעם האָב איך דיר געשיקט ? סוחר דו ! וואָס וועט זיין דיין סוף ? ! שפּיל-קאָץ ! וואַרט ! איך וועל זיך שוין מיט דיר אָברעכענען ! אַ גאַנצע נאַכט וועל איך דיך נישט לאָזן שלאָפן !“.

און מיין 1927 געוויסן האָט אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן וואָרט.

צומאָרגנס, מאָנטאָג פרי, 9 אַ זייגער, איך קום צו עפענען די טיר פון „קעמיא־קאָרנער“ שטייט דאָרט אויף דער שוועל לידי דאַגלעס. פרעג איך זי : וואָס טוסטו דאָ אַזוי פרי ? איך האָב געמיינט דאָס טיטולירטע דאַמען טאָרן זיך נישט אויפהויבן פאַר עלף !

לאַכט זי און זאָגט : איך האָב אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט אַן אויג צו מאַכן פאַר פרייד. ווייסט וואָס האָט פּאַסירט ? ווי נאָר דו ביסט אַרויס נעכטן פון מיין הויז, זאָגט אַלפרעד צו מיר, „מיין גאַנץ לעבן וועל איך שוין מער נישט ריידן אַ וואָרט געגן יידן“. קענסט זיין זיכער, דאָס ער וועט האַלטן וואָרט ווייל וואָס מ׳זאָל נישט אויסזעצן געגן אים, דאָס אָבער ווייס גאַנץ ענגלאַנד דאָס ער איז אַ גראַנדיעזער פּאָעט און אַ מענטש פון וואָרט.

און זי נעמט אַרויס פון בייטל אַ קליין גאָלדן שאַכטעלע, אין דער פאָרמע פון אַ ביכעלע און זאָגט : איך בעט דיך נעם צו די מתנה פון מיר, אַלס אָנדענקונג פון נעכטיקן טאָג. איך האָב דאָס גאָלדענע ביכעלע גע־קראָגן אַ מתנה פון מיין באָבע (זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ באַרימטן רבי). עס וועט מיך פרייען דו זאָלסט עס האָבן. אַך ! ווען דו וואָלסט גע־וואוסט ווי איך האָב מיין גאַנץ לעבן געליטן איבער זיין אַנטיסעמיטיזם ! ווי... און זי האָט זיך געשטיקט מיט טרערן. און שטיקענדיקערהייט מיך פאַרלאָזט.

אין די לעצטע חדשים זיינען ביידע געשטאָרבן. ער, לאָרד אַלפרעד דאַגלעס האָט זייט יענעם זונטאָג פיל געשריבן, אויך טיילמאָל געלעקטשערט. זיין צונג און פעדער האָבן ביז זיין לעצטן טאָג נישט פאַרלוירן זייער שאַרפ־קייט אָבער נישט מער קיין איין שטעכנדיק וואָרט ווי צו טון יידן.



## משה סמיליאַנסקי *)

# לאַטיפאַ

ווער עס האָט נישט געזען לאַטיפאַס אויגן, דער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן קיין שיינע אויגן נישט געזען.

אָט אַזוי האָב איך געטראַכט בשעת כ׳בין נאָך געווען יונג. און לאַטיפאַ איז אויך דעמלט געווען יונג, אַ מיידל ראוי לחופּה.

אַ סך יאָרן זענען שוין פאַרביי און איך בין נאָך ביי אָט דער מיינונג אפילו איצט.

---

עס איז געווען אין די טעג פון חודש טבת. איך בין געשטאַנען אין פעלד, אָנגעפירט מיט אַ גרופּע אַראַבער, און צוגעגרייט מיין לאַנד צום פלאַנצן מיין ערשטן ווייַנשטאָק. דאָס האַרץ איז מיר פול געווען מיט יום־טובדיקע געפילן, און אַ יום-טובדיקייט איז עפּעס געלעגן אויסגעגאָסן אויף דער גאַנצער סביבה. דער טאָג איז געווען שיין און קלאָר. די לופט — ריין און לויטער, וואַרעם און דערקוויקנדיק. די זון איז געשטאַנען אין מזרח און באַגאָסן די וועלט מיט אַ רויטלעך ליכט, עס האָט זיך אַזוי רחבותדיק געאָטעמט, ווי מ׳וואָלט געוואָלט איינשלינגען די גאַנצע לופט מיט איין אָטעם־צוג. אַלץ אַרום איז געווען גרין. אויף די בערגלעך, וואָס מען האָט זיי נישט באַאַרבעט, זענען געוואַקסן כל־המינים ווילדע בלומען, פול מיט פּראַכט און חן.

צווישן די אַראַבערקעס, וואָס האָבן צונויפגעזאַמלט די שטיינער און אויסגעריסן די ווילדע קרייטעכצער האָב איך באַמערקט אַ נייע אַראַבערקע, אַ מיידל, מן הסתם פון צוועלף יאָר, הויך, פלינק, אָנגעטון אין אַ קאָלירט קליידל מיט אַ ווייסער פאַטשיילע אויפן קאָפּ, וואָס די שפּיצן זענען איר אַראָפּגעפאַלן אויף די אַקסלען.

— ווי הייסטו ? — האָב איך זי געפרעגט, כדי מיר צו פאַרנאָטירן איר נאָמען.

אַ קליין פּנימל, אַ שוואַרצלעכס און פול מיט חן, האָט זיך אַ קער געטון צו מיר מיט צוויי שוואַרצע גלאַנציקע אויגן.

— לאַטיפאַ !

אוי, זענען דאָס אירע אויגן געווען שיין : גרויסע, טונקעלע, ברענענ־דיקע. פון אירע שוואַרץ־אַפּל האָבן אַרויסגעשטראַלט פרייד, לעבן און לוסט.

— דעם שייך סוראַוואַדזשים טאָכטער — האָט זיך אָפּגערופן אַטאַלאַ.

---

*) צו דער געלעגנהייט פון סמיליאַנסקיס באַזוך איצט אין לאָנדאָן, איינער פון די אָנגעזעענסטע שרייבער און פּערזענלעכקייטן אינם ארץ ישראל׳דיקן ישוב, דרוקן מיר אָב דידאָזיקע דערציילונג.

א יונגער אראַבער, וואָס איז נאָר וואָס געווען באַשעפטיקט ביים אָפּרוימען א גרויסן שטיין.

געזאָגט האָט ער עס סתם אַזוי זיך, כלאחר־יד.

— „ווי צוויי שטערן אין א שיינער פרילינג־נאַכט...“ — האָט אטאַלאַ אונטערגעזונגען מיט זײַן שיינער, שטאַרקער שטימע און בשעת־מעשה געוואונקען צו מיר מיט די אויגן...

---

כ'האָב געפונען א נייע זאַך אין מיין אַרבעט: אַז ס'איז מיר געווען שווער אויפן האַרצן און נישט צו מוט, פלעג איך קוקן אויף לאַטיפאַן, און בין געוואָרן אויפגעהייטערט ווי דורך א צויבער־האַנט.

אָפטמאָל האָב איך דערפילט לאַטיפאַס בליק ווען זי האָט געקוקט אויף מיר.

אָפטמאָל האָב איך דערפילט דעם גלאַנץ פון אירע וואַרעמע אויגן. עס האָט אויך געטראָפן, אַז א טרויעריקייט איז געלעגן אין איר בליק.

---

כ'בין געריטן אויף מיין אש־גראָען אייזעלע אין פעלד אריין. ביים ברונעם האָב איך באַגעגנט לאַטיפאַן. זי האָט געטראָגן א קרוג וואַסער אויפן קאָפּ. געברענגט דאָס וואַסער פאַר די אַרבעטער.

— וואָס מאַכסטו, לאַטיפאַ?

— דער טאַטע לאָזט מיך נישט גיין אַרבעטן...

אָט די ווערטער האָבן אַרויסגעפּלאַצט פון איר מויל אַרויס, ווי א מענטש זאָגט פּלוצלונג עפּעס וואָס דריקט אים שוין לאַנג און איר קול איז געווען טרויעריק, ווי ס'וואָלט איר אַן אומגליק געשען.

— איז דיר דען נישט בעסער צו זיצן אין דער היים ווי צו אַרבעטן?...

לאַטיפאַ האָט געקוקט אויף מיר. אירע אויגן זענען עפּעס געוואָרן מאַט, ווי א שאָטן וואָלט זיי באַדעקט. געשוויגן אייניקע רגע'ס.

— דער טאַטע וויל מיך אויסגעבן פאַר דעם שייך אַגאַרס זון.

— און דו?

— איך וויל ליבער שטאַרבן...

און ווידער געשוויגן און דערנאָך מיך געפרעגט:

— כאַוואַדזשאַ *), איז עס אמת, אַז ביי אייך נעמט מען נאָר איין ווייב?

— נאָר איינע, לאַטיפאַ.

— און ביי אייך שלאָגט מען נישט קיין ווייב?

— ניין, ווי קען מען דאָס שלאָגן וועמען מען האָט ליב?

— ביי אייך נעמען די מיידלעך נאָר דעם וועמען זיי ליבן?

— אוודאי.

---

*) האַר, באַלעבאָס.



— און אונז פאַרקויפט מען ווי די אייזלען.

לאַטיפאַס אויגן זענען אין יענעם מאָמענט געווען נאָך שענער, טיפער און שוואַרצער.

— דער טאַטע זאָגט — האָט זי ווייטער גערעדט נאָך א קלײנער פּויזע,

— אַז ער וואָלט מיך דיר געגעבן, אויב דו וואָלסט געוואָרן א מאַכמעדאַנער...

— מיר?...

אומגערן האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט א געלעכטער. לאַטיפאַ האָט אויף מיר געקוקט, אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט א טיפן ווייטאָג.

— לאַטיפאַ — האָב איך געזאָגט — זיי דיך מגייר, וועל איך דיך נעמען...

— דער טאַטע וועט אונז הרגענען, מיך און דיך.

---

צומאָרגנס אין דער פרי איז דער שייך סוראַוואַדזשי געקומען צו מיר אין סאָד אריין.

אַן אַלטער מאַן מיט א שיינער, ווייסער באָרד, א הויכן טאַרבוש אויפן קאָפּ, איז געקומען צו רייטן אויף א ווייסער, פלינקער קאָבילע, וואָס האָט געטאַנצט און געשפּרונגען אונטער אים...

ער האָט געגריסט די אַרבעטער און זיי האָבן זיך געבוקט פאַר אים מיט גרויס הכנעה און געשוויגן. אויף מיר האָט ער א בליק געטון ווי ער וואָלט געווען אין כעס און ברוגז און מיך באַגריסט מרוקנדיק עפּעס צווישן די ציין. איך האָב אים אָפּגעענטפערט קאַלט. צווישן דער קאָלאָניע און דעם שייך האָט נישט געהערשט קיין שלום: ער האָט פיינט געהאַט יידן מיט דער שנאה פון א קנאי.

ווען דער שייך האָט דערזען זיין טאָכטער איז ער אריינגעפאַלן אין נאָך א גרעסערן כעס און נאָך מער זיך געבייזערט.

— איך האָב דאָך דיר פאַרזאָגט צו גיין צום „ייד“! — האָט דער שייך געשריגן אויף דער טאָכטער.

און צו די אַרבעטער געזאָגט:

שעמט אייך, מוסולמענער, וואָס פאַרקויפט אייער אַרבעט צו די אומגלויביקע!

און דער שטעקן זיינער איז געפאַלן אייניקע מאָל אויף לאַטיפאַס קאָפּ און אַקסלען...

איך בין געוואָרן אין כעס, שוין אפילו געמאַכט א באַוועגונג קעגן אים.

---

נאָר לאַטיפאַס שוואַרצע אויגן, פול מיט טרויער און מיט טרערן, האָבן געקוקט אויף מיר און זיך געבעטן: שווייג!

דער שייך איז אַוועקגעגאַנגען מיט דער טאָכטער. די אַרבעטער האָבן גענומען אַן אַנדער טאָן.

— דער שייך סוראַוואַדזשי איז אַן אכזר! — האָט איינער געזאָגט.

— און איך ווייס יאָ פאַרוואָס ער איז היינט אַזוי ברוגז... — האָט אַטאַלאַ געזאָגט און אַ כיטרע שמייכעלע האָט געשוועבט אויף זיינע ליפּן.

לאַטיפאַ איז מער נישט געקומען אַרבעטן.

איינמאָל, אין אייניקע וואָכן אַרום, אַרויסגייענדיק נאָך מיטאָג פון הויז וואו איך פלעג עסן, האָב איך זי באַמערקט. זי איז געזעסן אײַנדרויסן אויף דער ערד. געהאַט עופות צו פאַרקויפן. אַז זי האָט מיך דערזעען האָט זי זיך אויפגעשטעלט. אירע אויגן זענען געווען נאָך שענער און נאָך טרויעריקער.

— וואָס מאַכסטו, לאַטיפאַ?

— אַ דאַנק האַר.

ס'קול האָט איר געציטערט.

און טיילמאָל פלעגט לאַטיפאַ ברענגען עופות צו פאַרקויפן, און דווקא נאָכמיטאָג...

---

אַמאָל האָט אַטאַלאַ מיר דערציילט:

— כאַוואַדזשאַ, לאַטיפאַ איז געגאַנגען צו אַגאַרן, דעם שייכס זון האָט זי גענומען... אַ נידריקער אַ מיאוסער.

כ'האָב דערפילט ווי עס וואָלט מיר אַ שטאָך געטון אין האַרצן.

דערנאָך האָב איך געהערט, אַז לאַטיפאַס מאַנס הויז איז פאַרברענט געוואָרן; אַז לאַטיפאַ איז אַנטלאָפן צום פאָטער און אַז מען האָט זי צוריקגעברענגט צום מאַן מיט געוואַלד...

איינקע יאָר זענען פאַרביי. איך האָב מיר געוואוינט אין מיין אייגן הויז וואָס כ'האָב מיר אויפגעבויט. צוליב אַנדערע צוויי שוואַרצע אויגן, האָב איך פאַרגעסן לאַטיפאַס אויגן.

אַרויסגייענדיק, אַמאָל איד דער פרי אין גאַס אַריין, האָב איך באַגעגנט צוויי אַראַבערקעס זקנות, וואָס האָבן געטראָגן עופות.

— וואָס ווילט איר?

פון דער ערד האָט זיך אויפגעהויבן איין אַראַבערקע און געקוקט אויף מיר.

— כאַוואַדזשאַ מוסה? 1)

— לאַטיפאַ?

יאָ, דאָס איז געווען זי, לאַטיפאַ, אַן אַלטע זקנה, דאָס פּנים פול גערונצלט. אַן אַלטע פרוי, אָבער אין אירע אויגן זענען נאָך געווען סמנים פון ערשטן גלאַנץ...

— דער מאַן איז אַלט... פאַרענדערט געוואָרן... — האָט זי שטיל גערעדט און נישט אָפּגעטון די אויגן פון מיר.

— וואָס מאַכסטו עפּעס, פאַרוואָס האָסטו דיך אַזוי געענדערט?...

---

1) ר' משה?



— ס'איז אַלץ פון אַללאַה, כאַוואַדזשאַ!

און געשווינן.

— כאַוואַדזשאַ מוסה האָט שוין גענומען אַ ווייב?

— יאָ, לאַטיפאַ.

— כ'וואָלט זי געוואָלט זעען...

איך האָב אַרויסגערופן מיין ווייב.

לאַטיפאַ האָט געקוקט אויף איר אַ ווײַלע.

אין אירע אויגן האָבן זיך געמערקט טרערן.

---

פון דעמלט אָן האָב איך לאַטיפאַן מער נישט געזעען.

פון העברעאיש.

א. אלמונ.

---

## א. נ. שטענצל

# אקטאבער...

א י ל י ז  פ ע ר ל

I

דער פאַרלאָשענער הימל האָט אויפגעלויכטן,
ווען מיט אונזערע בליקן ר'האָט זיך אָנגעטראָפן;
מיט זיינע איינענע אויגן ער זאָל'ס דערזען,
דער ים אַ צעברויזטער אונז אָקעגנגעלאָפן.

וויאַנענדיקע אָסיען־בלעטער פאַלנדיקע
נישט אַראָפּגעריסן איצט פון סעפּטעמבער־ווינטן —
קאָפּ אויף קאָפּ עס האָבן זיך די בוימער געשטעלט,
נאָכוואַרפנדיק בגנבה אונז בליקן פון הינטן!

II

מיטן גערויש פון די בלעטער אונטער די פּיס
דייטלעך מיר פאַרשטייען זיך איינער מיטן צווייטן —
צוויי פאַרגלוסטיקטע הערשן וואָס לויפן אין שריט,
און שווייגנדיק ס'טוט די גאַנצע וועלט זיי באַגלייטן — —

און אַז די אָקטאָבער־זון לעשט זיך אין הימל,
מיר קוקן זיך איינער נ'אַנדערן אין די אויגן — —
צעלאַכט פלאַטערן אויף אונזערע הערצער,
מיט די שוואַלבן־„חתונות“ אָקאָרשט אָפּגעפלויגן.

III

וואלד אין אָקטאָבער אין פורפור און בראָקאטן,
ווי צו אַ חתונה אצינד ער וואָלט זיך גרייטן!
ר׳האָט אלעמען מיט מזל שוין אויסגעגעבן,
ווייל ער נאָך זיין ייִנגסטער צו דער חופה באַגלייטן.

וואלד אין אָקטאָבער אין פורפור און בראָקאטן,
דאָס האַרץ ווערט געשטילט אין פאַרזונקענעם שווייגן — —
כאָטש מיט אייגענע הענט פון ברוסט עס אַרויסנעמען,
אין גאָלד-שאָרך פון דיינע שריט אנידערצולייגן.

IV

(געווידמעט דעם באָרנמוטה-וועלדל)

די מחותנים, אין עסיק און אין האָניק,
שטייען אַרום שוין די דעמבענעס און די לינדן,
שווער באַהאָנגען אין די גאָלדענע קייטן — —
און ווי זיי בלאָזן דאָס פון זיך מיט אָסיען-ווינטן!

אין ראַטשימאָרענע זשופּיצעס די סאָסנעס,
און די שלאַנקע אָלכעס נאַבאָקום אין די שטריימלעך
קוקן אַריבער מיט גנבה׳שע בליקן,
צו די אין פערל און קרעלן באַצירטע ביימלעך.

V

נישט וועלק-בלעטער פאַלן — מיט האָפן, זאַפּטיקן,
מיט ראָזשינקעס נ׳מאַנדלען די ביימער אונז באַשיטן!
די שמאָלע סטעשקעס צווישן די אָסיען-פלעטשן,
ס׳איז אַ וואַרע געמאַכט — און מיר גייען אין מיטן.

און די נעפּלען איבער די נאַקעטע קזשאַקעס,
ס׳איז די שלעפּ פון דיין שלייער, טוליענעם זיידענעם — —
כ׳האָב אים איבער דיינע אויגן אויפגעהויבן,
אויסצוקושן דיין בליק, דיין ליבלעך באַשיידענעם.

VI

נאָך לעשט זיך אין מיינע אַפּלען לעצטער פרילינג,
מיט גאַנצן אַרום אויסגייענדיק צו דערשטיקן — —
און דעם אָסיען איצט אַזוי-גאָר צו קענען זען!
ס׳זיינען דיינע ליבלעכע באַשיידענע בליקן — — —



אויף מיינע ליפּן טוי-טראָפּן זיי ציטערן,
מיין האַרץ, אויסגייענדיק שוין, צוריק צו דערקוויקן;
פרילינגדיק איצט לייטערט זיך דער אָסיען-הימל,
אין דיין אויפגעלויכטענעם ליכטיקן אויפבליקן.

VII

די אַסטערן, לעצטע בלומען, אָסיענדיקע,
וויאַנען שוין דראָטן-פערזשאַווערטע און צעבויגן,
גאַנצע וועלט אָבער בליט-אויף גאָלדלאַק, גלוסטיקער,
ווען דו הייבסט אויף צו מיר דיינע וואַרעמע אויגן.

ס׳איז צעטרייסלט מיין לייב פון נקמה און פון וויי,
אָבער איידער נאָך צוזאַמענגעבראָכן איינגאַנצן,
אַ דערקוויקטע ליכטיקייט ס׳גייט אויף אין מיר איצט,
ווען דיינע וואַרעמע בליקן גלוסטיק צעגלאַנצן.

## זיבן שנירלעך פערל
(פאַר דיר)

I

איז עס דער ים, אָדער מיינע בײדע אויגן?
איבער די ברעגעס איז מיין האַרץ איבערגעלאָפן!
וואָס וואָלט ער דען געווען דער געוואַלטיקער ים,
ווען נישט אינם האַרצן דאָס טראָפּעלע האָפן!

אויף דיינע ליפּן שנירלען זיך מיינע בליקן,
בלאַס-אויפגעצויגענע פערלמוטענע סטראָפן.

וואָס וואָלט ער דען געווען דער צעכוואַליעטער ים,
ווען נישט דאָס אויפטליענדיקע אין מיינע אויגן,
אַ מושל-שיסעלע, אַזאַ אויסגעליידיקטס,
פון אַ מעווע וואָס קומט רציחיש אָנגעפלויגן.

אָבער וואָס זיינען ווערטער וואָס זיינען סטראָפעס,
אַז דער צאַפּל פון האַרץ ווערט נישט מיט אופגעצויגן — — —

אין מיליאָנען פערל צעשיט זיך יעדע כוואַליע,
אָבער קיין איין שנירל דערפון נישט אויפצוציען!
אין שוים-בלעזלעך זיי צעשפּריצן און צעשפּרינגען,
ווי אויפברויזנדיק ס׳זאָל נישט זיין זייער באַמיען.

די נאָר וואָס בלייבט ליגן אויפן טיפן תהום,
טוט שטילער ווי פערלמוטן אין איר אויפטליען.

II

דאָס זילבערנע צעשוימטע, ס׳פערלמוטערנע — —
אַן אויפגעריסן שנירל צעשאָטענע פערל,
צי גאָר אַ ווייסינקס, אַן אַרויסגעפאַלענס,
פון דיינע שוואַרצע לאָקן אַ געקרייזלט הערל?

ס׳ציטערן די וועלן בלאַסלעך פערלמוטן,
און פון דיינע אויגן אַ טרער נאָך אַ טרערל.

אָ, דאָס שלאַנקע געטוליע פון דיינע פינגער,
און דאָס ראַטעוודיקע אויף ברעג פון מיינע ליפּן,
אויף דיינע צו שפּירסט דעם אָטעם פון מיין לעבן — —
דיין טרער־געטריף — פערל־שנירלעך צונויפצוקניפּן!

דער ים, — דאָס וויגנדיקע קינד אין וויגל! — —
רייסט זיך כסדר אויף מיט וויינענדיקן אויפכליפּן.

אפשר פאַר דיינע אויגן, פאַר דיינע לאָקן
נישט מיינע בלאַסע פערל — ס׳פּאַסט גאָר רויטע קרעלן!
ווי ווייסלען אַרום שוואַרץ אַפּלען, ווייסע הערלעך
שוואַרצע לאָקן־קענזשערם נאָך גלאַנציקער צעהעלן...

און ס׳ציט זיי דיר עמעץ־ווער אויף שוין גרוים און רויט,
און ליכטיק פון דיין האַלדז אַראָפּ שיינען זיי וועלן.

III

אויבן אין מיין שטיבל נידריק אונטערן דאַך
די גאַנצע נאַכט ווי אויף וואַקלדיקע ים־בריקן;
אַראָפּפאַלן דו וועסט מיר נאָך, אָדער איך דיר,
אַז מיר וועלן זיך נישט נאָך פעסטער צוזאַמדריקן.

איך שפּיר אים דעם ים־געררוך אויף מיינע ליפּן,
אויסקושנדיק דיינע איבערגייענדיקע בליקן!

דער צופלוס און אָפּפלוס פון אונזערע הערצער,
ברויזנדיק איינס מיטן צווייטן זיך צו פאַרבייטן;
פון זייערע ברעגעס זיך אַרויסרייסנדיק,
זיך צו דערטראָגן אין די אומענדלעכע ווייטן.



פון טיפענישן פערל אַרויצוברענגען,
מיר פאַרזינקען ווי די טויכערס איינער אין צווייטן.

דאָס שטילקייט דאָס קלאַפּן פון אונזערע הערצער,
מושלען אַזעלכע יעדער טיף אין זיך פאַרקראָכן;
מיט זיין וויי־געאייטער, מיט זיין סוד־געשווילעכל,
פאַרמאַטערטקייטן — פּעלרמוטן אויסצוטיאָכן!

אָ, אַז איינער אין צווייטן אַזוי פאַרזונקען,
מיט זיין ווייאיקסטן סוד צו ווערן אויפגעבראָכן.

IV

אין מיין האַרץ, מיין אויפברויזנדיק צעטומלטן,
אַ לאַשטשענדיקע כוואַליע געקומען געשוואומען,
מיט דיינע טוליע־הענט לעצטע מאַטע פערל,
פון פאַרמאַטערטן האַרץ מיר אַרויסצובאַקומען.

אָ, ווי פון תהום אַ געראַטעוועטער,
ווען דיינע אָרעמס האָבן מיך אַרומגענומען!

אַ ווינט צווישן מאַסטן פול זעגל־געפלאַסטער
האָבן דיינע אָרעמס טרייסלדיק מיך געהאַלטן;
דאָס אויפבליצנדיקע ווילדע פון מיינע בליקן
געשטילט אינם געצערטל פון שפּילנדיקע פאַלטן.

אָ, אויף דיין האַלדז, אַ שנירל אַן אַרויפגעצויגנס,
פון פאַלטשע קאַלטע בליקן דו וועסט מיך באַהאַלטן.

ווי עס האָט דאָס יעטווידער איינער פערל־ווייז
פון מיין לעבעדיקן לייב זיי אַרויסגעשניטן;
און וואָס גרעסער און וואָס פערלמוטענער —
וואָס צעצאַפּלטער און ווייאיקער אויסגעליטן!

אָ, וועסט דו זיי, מיינע לעצטע מאַטע פערל,
פון גלאַטע קאַלטע בליקן מיר קענען באַהיטן?

## V

אַן ענג מושל־שיסעלע איז פאַר מיר די וועלט
איך — אַ פאַראייטערטער, פאַרוואונדערטער דערינען!
ס׳וועט זיך צעשיטן דאָס מושל־שיסעלע וועלט,
דער ים פון זיינע ברעגעס אַרוים וועט צערינען,

און מיין פאַראייטערטע וואונד, אַ פאַרשטיינערטע,
עמעץ־ווער וועט אַ מאַטע פערל זי געפינען.

איינפאַסן ער וועט זי אין גינגאָלד, לויטערסטן,
פאַר זיין קראַנקער בלאַסער געליבטע זי צו ברענגען,
וואָרעם ס׳וועט אויפלייכטן איר אויסגעבלייכטער לייב,
ווען צווישן אירע בריסטן דער פערל וועט הענגען.

און נאָך וואונדערלעכער אויפטליעט אין פערל,
ווען אַריין אין אים פרישע בלייכקייטן זיך דרענגען.

אַן ענג מושל־שיסעלע ס׳איז פאַר מיר די וועלט,
און איך הערינען, אַ פאַרוואונדערטער פאַראייטערטער!
אָ, וועל איך דען אויסהאַלטן ביז לעצטער רגע
מיט אַלע מאַטערנישן אַן אויסגעלייטערטער?

און פון דער וואַרעמקייט און די פרייד פון דיין לייב
אויף אייביק אַ פאַרוואָגלטער אַ דערווייטערטער?

## VI

לעבנגעבליבן אויף פינסטער טיפן תהום,
אין טויזנט ווייען קאָרטשענדיק צוזאַמענגעצויגן,
מיט טויזנט מאַטערנישן, שטורעמדיקע —
מיט מאַטע שטראַלן שקיעהדיק אָנגעצויגן!

ליגנגעבליבן אויף פינסטער טיפן תהום,
ווי אויף ברעג אויסגעלייגטער ווידמענדיקער רויגן — —

זוימען קיילעכלעך פונם טונקעלן ערד־קיילעך,
ווען די זון פאַרבלייכט אין איר שקיעה׳דיקן שיידן!
תאוהדיק נעטליע, וואַרעמדיק געטוליע,
געוויקלט אין פורפור וואָל און אַלבאַסטער זיידן;



אירע וואָלקנדלעך־איבערלאָפענע אויגן,
אַראָפּגעלאָזענע, פרעמדע בליקן אויסצומיידן.

ווי עס שפילט זיך דאָס, טוליענדיק און טליענדיק,
בין־השמשות פאַרזילבערט און פערלמוטן — —
שימערדיק צעציטערט און מיגניערדיק גרוי — —
שאַריען צווישן ערשטע און לעצטע מינוטן.

אויסגעבלייכט דורכזעעוודיק און פאַרמאַטערט,
ווי נאָך חבלי־לדה׳דיקן שווערן פאַרבלוטן.

## VII

זיבן שנירלעך כלה־פערל האָט מיין מאַמע
פאַרן אונטערשרייבן אירע תנאים באַקומען.
דאָס לעצטע, דאָס זיבנטע האָב איך נאָך געזען,
ווען זי האָט עס פאַרן שול־גיין אַרויסגענומען.

קוקנדיק אויף מיר, איר יינגסט, האָט זי עס אָנגעטון,
און אירע אויגן האָבן אין טרערן געשוואומען.

עס האָט דער טאַטע זיין בליק אַראָפּגעלאָזן,
ווי דערמלט פונקט בעת די תנאים אונטערשרייבן;
אַ הייליקע האָט זי אויסגעזען מיין מאַמע,
ווען אין שול אַריין זי האָט גענומען זיך קלייבן.

אַצינד וואו איז עס דאָס שנירל כ׳זאָל עס דיר געבן,
אַז ביידע מיר אין ליבע נאָך מ׳זאָל קאָנען גלייבן.

אויף מיינע האַרצנס פעדעם, אויסגעדריוולטע,
זיבן שנירלעך פערל אויסציען דיינע טרערן;
ווי מיין מאַמע אַ הייליקע זיי צו טראָגן — —
אָ, אַז ס׳לעצטע שנירל נישט פאַרשאַטן ס׳זאָל ווערן,

אָפּגעהיטן פון דור צו דור איבעריק בלייבן,
אַז ווי מיין מאַמע מיין טאַטן זאָלסט מיר געהערן.

* * *

(ווידמונג)

זע, ס'האָט לבנה די אַפּלען זיך אויסגעשטאָכן,
פאַר'חושכ'טע וועלט נישט צו קוקן אין די אויגן;
און ווי זי מאַכט דאָס אַרום איר, יעטוועדע נאַכט,
אַלץ אַ גרעסערן, אַלץ אַ דערווייטערטן בויגן.

אָ, אַז איך זאָל נישט אַרומבלאָנקען אין די נעכט, —
אַ משוגענער הונט מיט וואָיענדיקן בילן! -—
אַ דערבאַרעמדיקע ביזט אַהער געקומען,
דאָס טליענדיקע אין מיינע ליפּן צו שטילן.

האָסט באַהאַלטן מיין בליק אין פאַלטן פון דיין לייב,
אַז אין מיטן דער נאַכט ווילד ער זאָל נישט אויפבליצן;
געלאַשטשעט מיין קאָפּ, מיין גליאיק צעטומלטן,
פון בלוטיקע טראַכטעניש מיך צו באַשיצן.

אָ, קאַלט קוקט דער הימל, אַן אויסגעקוליעטער,
מיט טויטע אייגעלעך פון געקוילעטע קינדער;
ביי דיין לייב מיט טרויעריק דערשראָקענע פינגער,
עס וויל זיך דערטאַפּן אַ פאַרבלאָנקעטער בלינדער — —

הערסט דו דאָס ליד וואָס זינגט דורך די אָקטאָבער נעכט,
ווען לבנה איז אונטער וואָלקענעס פאַרקראָכן?
„ס'האָט אַ רוצח מיט בלאַנקן קאַלטן מעסער
מיינע ביידע שוואַרץ־אַפּלען מיר אַרויסגעשטאָכן.

„און וואָלט ער כאָטש אַ קינד מיר איבערלאָזן,
עס וואָלט מיך צוגעפירט פאַר די אָפענע טירן;
כ'וואָלט דאָס הענטעלע זיינס אין מיינע געטוליעט,
מיט מיין ליד איבער דער וועלט זיך אַרומצופירן". — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זע, נישט פון שנאה מער — פון ליבע איך בין בלינד!
דו האָסט דיך דאָך מיר אינגאַנצן אַוועקגעשאָנקען,
אַזאַ דערבאַרעמדיקע, אַ טוליעדיקע — —
מיט מיין ליד איבער דער וועלט דיך אַרומצובלאָנקען.





## יידישע קולטור אויפבוי

דער מוראדיקער חורבן פונם אייראָפּעאישן יידנטום האָט אַרויפגעלעגט אויף אונזער יידישן געוויסן אַ גרויסע אחריות לגבי דער קעגנוואַרט און צוקונפט פון אונזער פאָלק. ביי פילע פון אונז, פון דער שארית הפליטה פון חוץ לארץ איז ביים בעסטן ווילן אַזוי אָבגעשוואַכט געוואָרן דער כח פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַזוי פאַרשרומפּן געוואָרן דער דראַנג פון קולטור־רעלן אויפבוי, אַזש ס'האָט דערגרייכט דעם באַדויערלעכן צושטאַנד פון אָב־העַנטקייט און קידער־ווידער פון אַלע קעגן אַלע און אַלץ קעגן אַלעמען.

דאָס דערמאָנט מיך די מעשה פון חומש, ווען ביי די לייט פון בבל וואָס האָבן געוואָלט בויען דעם טורעם צום הימל איז צעמישט געוואָרן דער לשון: — נאַדיר אַ ציגל — האָט איינער געזאָגט צום צווייטן, האָט גענומען יענער און אים דערלאַנגט מיט דער האַק איבערן קאָפּ... אַזוי האָט גע־טייטש דער רבי אין חדר.

ווייל צום ערשטן מוזן מיר לייטערן אונזער באַוואוסטזיין, אַז מיר זאָלן ווירדיג זיין צו באַנעמען די גרויסע אויפגאַבען אין זינען פון אונזער געשיכט־לעכן לעבן. נעמליך צו דערהאַלטן דעם קיום פון יידישן פאָלק. דאָס איז די ערשטע, און אומבאַדינגטע פאָדערונג לגבי זיך און אַ יעדן. דערנאָך האָבן מיר זיך קלאָר צו זיין וועגן די מיטלען און מעגלעכקייטן פון אויפבוי פונם יידישן לעבן און קולטור־שאַפונג.

איז טאַקע דעריבער נויטיק אַ טריבונע, אַן ערנסטער זשורנאַל, דאָ אין אונזער היגן ישוב וואו עס זאָל קומען צום אויסדרוק די מיינונגען, געדאַנקען און וועגן פון אויפבוי. מיר ברויכן אַן ערנסטן אָרגאַן פון יידישקייט. און איך בין נישט מסופק דאָס אויב מ'וויל קאָן מען דאָס זייער גוט אויספירן. אָבער איידער איך קום צו דעם ענין פון אַ זשורנאַל וויל איך אָנווייזן אויף די פונקטן וואָס זענען די פאָרויסזעצונג פון אַ גוטן זשורנאַל. ערשטנס, רעספּעקט און טאָלעראַנץ צו מיינונגען פון אַנדערע שרייבער. דאָ מוז איך זאָגן דאָס גראַדע אינם העפטל פון סעפּטעמבער, וועלכעס ענטהאַלט אַרטיק־לען וואָס פּאַסן פאַר אַ גוטן זשורנאַל — האָט שטענצל זיך אַביסל צו פיל דערלויבט. למשל, אויב א. מ. פוקס זאָגט אַרויס זיין מיינונג וועגן ארץ ישראל, העברעאיש און יידיש, הייסט עס נאָך נישט דאָס ער איז „אַ קליאַמ־קע־קוועטשער". אָדער וואו קומט דער אַרטיקל פוקס צו דעם ענין קאָנפע־רענץ? איך ווייס אויך נישט מיט וואָס שערטאָק האָט פאַרדינט אַזאַ באַ־האַנדלונג וועגן זיין שלעכטן יידיש? חבר שטענצל מוז וויסן דאָס שערטאָק רעדט נאָר עברית און ער האָט זיך דווקא אין ארץ ישראל אויסגעלערנט גוט יידיש און אויך גוט ענגליש.

די שפּראַכן פראַגע איז היינט נישט אַקטועל. יידן אין די גלות לענדער

רעדן און שרייבן אין פארשיידענע שפראכן. ס'איז ווי עס זאגט א גוישע גמרא: „ניע טאק דאס דאברי ריידעלע, יאק דאס גוטע מיינעלע"... ביי דער ציון קאנפערענץ אין לאנדאן האבען די דעלעגאטן געהאלטן זייערע רעדעס אין עברית און אין יידיש. ביי דער קאנפערענץ פון יידישן וועלט־קאנגרעס האבן די דעלעגאטן געהאלטן זייערע רעדעס אין יידישער און ענגלישער שפראך. חיים ווייצמאן און דוד בן גוריון האבן געהאלטן זייערע רעדעס אין א זייער גוטן יידיש. זרובבל האט דווקא גערעדט העברעאיש...

איך האב נאך קיינמאל נישט געזען, אז ס'זאל אימיצער ברוגז זיין אויף למשל, סטעפאן וויז, ווייל ער רעדט נישט יידיש נאר ענגליש. א גרויסע צאל פירער פון יידנטום, האבן דווקא געלערנט עברית און נישט יידיש און זיי זענען זייער גוטע יידן. בשעת כ'האב דא איינמאל געהערט א דייטשן ראבינער האלטן א רעדע אין „יידיש" האט איך אים געבעטן אדער צו רעדן ענגליש אדער דייטש, ווייל כ'האב געהאט רחמנות אויף דעם יידישן לשון, וואס ער האט נעבעך קאליע געמאכט.

א יידישער זשורנאל מוז זיך קודם כל היטן אנצופאלן אויף אונזערע אייגענע פירער און שרייבער. איך האב דא נישט בדעה מיך צו מישן אינם מחלוקת יידיש־העברעאיש אבער מיר מוזן אויך אט דאס פראבלעם באהאנדלען. אויב מיר ווילן האבן א גוטן זשורנאל. צוריק מיט עטלעכע חדשים האט א מיטארבייטער אין די העפטלעך גערעדט וועגן יידיש איך האב דאמאלס געדאכט ווי מענטשן בייטן זיך, צוריק מיט יארן האט דער זעלבער מענטש נאר גערעדט „דייטש" און געשריבן וועגן פרץ אין דעם דייטשן לשון. היינט פרעדיגט ער פאר יידיש און איז אפשר נאך א געגנער פוו עברית. מיט א צוויי יאר צוריק האב איך געהאט דעם כבוד צו האבן דעם באזוך פון איינעם א היגן שרייבער וואס שרייבט און רעדט יידיש. איך האב געפרעגט דעם יידישן שרייבער צו רעדן און לעזן זיינע קינדער יידיש, דער ענטפער איז געווען נעגאטיוו.

איך ווייס נישט אויב ס'איז שטענצלען באקאנט דאס די דעלעגאציע פון פוילן וואס איז געווען אין ענגלאנד האט צווישן זיך גערעדט פויליש און צום טייל גאר רוסיש. איך האב א ספק אויב זיי רעדן אין פוילן איבערהויפט יידיש... איך ווייס פון מאנכע פליכטלינגע פון פוילן, וועלכע זענען געקומען קיין ענגלאנד און האבן נישט געקענט רעדן קיין גאנצן זאץ יידיש נאר פויליש היינט רעדן זיי ענגליש...

ס'וועט נישט העלפן דיסקוטירן און זיך בייזערן און באליידיקן און פאלעמיזירן — אויב די יוגנט וועט נישט לעזן יידיש וועט דאס לשון שטארבן אין אונזער מיטן. דער אלטער דור וועט לעזן אבער נישט דער יונגער דור. און פאר וועמען איז א זשורנאל? איך האב דאס זעלבע געזען דא און אויך אין אמעריקע. שטענצל איז נישט גערעכט. אין פוילן האט די יוגנט אין די לעצטע יארן גערעדט פויליש. אין ארגענטינע רעדט מען נישט קיין יידיש. אין אמעריקע רעדט די יוגענט ענגליש גענוי ווי אין ענגלאנד. אזוי



איז עס אין אלע גלות־לענדער. אין אלע לענדער האט מען דאס שוין איינגעזען. קוקט אייך צו צו די זשורנאלן און איר וועט דאס זען. כמעט אלע מיט א קליינער אויסנאם דערשיינען אין צוויי שפראכן איינס פון די בעסטע פערטל־יערלעכע זשורנאלן וואס דערשיינט אין אמעריקע היינט, „גערעדנק און לעבן" און אין וועלכן ס'באטייליקט זיך שריפטשטעלער ווי ווײַנריב, מינקאוו, ראסקין, גאלאמב, ראוויטש, לעשטשינסקי, ניגער, און נאך פיל אנדערע יידישע שרייבער האבן זיך גאר נישט אנטקעגנגעשטעלט דעם דאפעלטן לשון פראדוקט. און ס'איז כאראקטעריסטיש· אז דעם ארגאן לייען איך נאר א דאנק מיין זון, וועלכער לייענט נישט יידיש, אבער ער באקומט דעם זשורנאל, ווייל ער לייענט דעם ענגלישן טעקסט אין אים, און אזוי דערגענצן זיך ביידע דורות מיט יידיש וויסן און יידישער קולטור. ס'איז איבריק צו דערמאנען דאס איך וויז מיין זון די ארטיקלען וואס דערשיינען דארט אין יידיש, דער רעספעקט ווערט אזוי ארום געשאפן פאר דעם לשון און ס'דערוועקט דעם חשק ביי דער וגנט צו לעזן א גוטן יידישן זשורנאל. עס פארדרענגט די אסימילאציע. אין אמעריקע דערשיינט אויך א בעדייטענד בוך יעדעס יאר אין יידישער און העברעאישער שפראך. און ס'וואלט כדאי געווען אויך וועגן דעם נאכצודענקען צי ס'איז נישט פאראן א מעגלעכקייט א גוטן זשורנאל ארויסצוגעבן אין אלע דריי לשונות.

מען האט זיך ארויסגעזאגט וועגן דעם ענין צי ס'איז בעסער א פארלאג אדער יעדער שרייבער זאל אליין ארויסגעבן זיינע ביכער. איך וויל מיין מיינונג נישט זאגן וואס ס'איז בעסער און ראטזאמער. איינס מוז איך זאגן: א פארלאג מוז באשטיין פאר די וואס קאנען אליין נישט זייערע ביכער ארויסגעבן. אזא פארלאג מוז באזירן ערשטנס אויף א ריין געשעפטלעכער באזיס און נישט אויף א נדבה־סיסטעם. אפילו אויף דער געפאר דאס מאנכע שרייבער וועלן זיין ברוגז אויב זייערע ווייניקער וויכטיקע און ווייניקער גוטע ביכער וועלן נישט געדרוקט ווערן.

אבער ווער זאל פארט באשטימען וואס ס'איז גוט און וואס נישט? איך גלויב א פארלאג קאן העלפן. מ'קאן געפינען א מיטל. איינס פון די מיטלען איז, אז א מאנוסקריפט מוז איינגערייכט ווערן אן א נאמען. א צווייט מיטל איז צוציען עטלעכע באדייטענדע מבינים שרייבער וואס וועלן זיך גערן אנשליסן בשעת ס'וועט זיך האנדלען צו באאורטיילן א ווערק אין יידיש. מ'קאן נאטירליך אויך געפינען שרייבער מבינים אויף עברית און אודאי אויף ענגליש. נאטירלעך נאר דאן אויב א לעקטארן קאלעגיום זאל זיך קאנען איניקן וואס מ'זאל דרוקן.

א פארלאג קאן נאר באשטיין אויב ער וועט האבן גענוג פינאנסן, מ'קאן זיי שאפן אין פארם פון חלקים — „שערס".

איך שטים צו צו דער צייטנגעמעסער אנרעגונג פון חבר שטענצל. די לאנדאנער יידן — דאס הייסט די קולטור־טוער וועלכע האבן א אינטערעס אין דעם באשטיין פון א גוט יידישן זשורנאל צוזאמען מיט די שרייבער מוזן

זיך צונויפקומען אין דעם ענין מיט דעם געהעריקן ערנסט באַהאַנדלען. איך גלויב ביי אַ גוטן ווילן וועלן אויך די מיטלען זיין און מיט פּאַראייניקטע כוחות וועט דאָס וואָס פעלט געשאַפן ווערן. דאָס איז אַ יידיש־העברעאיש־ענגלישער ליטעראַרישער חודש זשורנאַל, צו פערדערן די יידישע ליטעראַטור, די יידישע קונסט און דאָס יידישע וויסן. דאָס מיינט נישט נאָר אין דער יידישער שפּראַך, דאָס מיינט אַלצדינג וואָס איז יידיש. מיר האָבן נישט קיין פּלאַץ דאָ היינט אין ענגלאַנד פאַר אַ מחלוקת צווישן שפּראַכן. נישט יידיש האָט גענוג לייענער און אויך נישט העברעאיש. צוזאַמען און מיט ענגליש קאָן אַ זשורנאַל באַשטיין און געווינען דעם יידישן עולם. אַזאַ זשורנאַל וועט פאַרשאַפן כבוד די שרייבער און וועט שאַפן די פינאַנצן מ'זאָל נישט דאַרפן אָפּהענגען פון נדבות. ווייל אויב אַ יחיד קאָן זיך דערלויבן אפילו צו גיין פאַרקויפן זיינע ביכער — גאַנץ גלייך אויב ס'הייסט „שנאָ־רעריי" אָדער „פאַרקויפן", מוז אַ פאַרלאַג האָבן די אויסזיכט זיינע ביכער צו פאַרקויפן און צו קאָנען באַצאָלן דעם שרייבער האָנאָראַר פאַר זיין ליטע־ראַרישער אַרבייט און דעקן די קאָסטן פון דרוק און פּאַפּיר. ס'איז אָבער גוט מעגלעך — אַ חוץ קליינע אַדמיניסטראַטיווע קאָסטן — אַלע אַרבייטן צו טאָן ערן־אַמטלעך, ווייל ס'איז דאָך אַ יידישער פאַרלאַג. אַזוי, אַז דער יידישער קולטור־אויפבוי אין דעם לאַנד זאָל זיין אַ דערפאָלג.

---

## ל. אַלמאַן

# איך מוז ריידן

איידער איך גיי שרייבן די פּאָר ווערטער מוז איך זאָגן, אַז איך נעם זיך ניט אונטער צו האָבן אַ פען־מלחמה מיט דעם שריפטשטעלער א. מ. פוקס. מר. פוקס איז עטלעכע יאָרן געווען אין ענגלאַנד און גאָרניט גע־שריבן, אָדער ער האָט יאָ געשריבן, אָבער גאָרניט געדרוקט. מיט איין מאָל האָב איך אין שטענצלס העפטלעך דערזען דעם נאָמען א. מ. פוקס. מיט פרייד האָב איך אָנגעהויבן צו לייענען, אָבער איך האָב מיינע אויגן ניט גע־גלויבט! דאָס אַרטיקל וואָס ער מר. פוקס האָט געשריבן איז געווען פאַר דעם 30-טן יאָר־צייט נאָך דעם גרויסן שריפטשטעלער י. ל. פּרץ. איך האָב געלעזן צענדליקער אַרטיקלען פאַר י. ל. פּרץ'ס 30-טן יאָר־צייט. יעדער איינער פון די שרייבער האָט געטון דאָס בעסטע צו געפינען ביי פּרץ'ן דעם פּאָעט, קינסטלער, דראַמאַטורג, דענקער און שאַפער פון דער יידישער ליטע־ראַטור. אַסאַך האָבן געפונען ביי פּרץ'ן זייערע פּאַרטייען. דער יידישער שרייבער א. מ. פוקס האָט אויסגעפונען, אַז פּרץ מיט זיינע הונדערטער תלמידים האָט ניט איבערגעלאָזט קיין תלמיד צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ. פאַרוואָס האָט דער שרייבער א. מ. פוקס אַזוי זיך גענומען צום האַרצן דאָס



צו באַווייזן איז אומפאַרשטענדלעך. נאָך אַלעמענס מיינונגען איז פּרץ אַ פילזייטיק דענקער, פּאָעט, דראַמאַטורג, פּובליציסט און באַרימט מיט זיינע צווי ביכער חסידות אין די פאָלקסטימלעכע געשיכטען. יעדער יידישער שרייבער איז אַ שטיק פון פּרצן. די יידיש־רוסישע פּאָעטן שאַפן נאָך פּרץ'ס סאָציאַלע פּראָבלעמען ווי — „מיינט נישט אַז די וועלט איז אַ קרעטשמע".

איך וואָלט געבעטן א. מ. פוקס צו לייענען רחל אויערבאַךס אַרטיקל צום 30טן יאָר־צייט פון י. ל. פּרץ מיט וואָס פאַר אַ ליבע און דרך ארץ אָט אַן אויסצוג וואָס זי שרייבט:

מיט י. ל. פּרץ דעם מלך־גייסט און מלך נשמה פון נייעם יידישן וואָרט און ניי יידישן געדאַנק אין פּוילן: און עס איז אויסגעוואַקסן פון זיין שורש אַ דור יורשים און תלמידים „באַשרייבער" און „באַזינגער" לעזער און וועגווייזער פון די יידישע מאַסן, נייע שיטות, נייע צווייגן.

און יעצט סעפּטעמבער איך נעם ווידער שטענצלס העפטל איך זע ווידער א. מ. פוקס. יעצט האָט ער זיך פאַרנומען באַוואוסטזיניק אַרונטער צו רייסן דאָס יידישע לשון ווי אויך די יידישע ליטעראַטור. ערשטנס דענק איך, קאָן דוד בן גוריון זיין שטעטל באַשטיין. ער איז גרויס און שטאַרק זיך זעלבסט צו פאַרטיידיקן. איר האָט דאָס נישט געדאַרפט טון!

איר האָט דאָך אַליין געשאַפן אין יידיש און איר וועט נאָך שרייבן אין יידיש. איר שרייבט, אַז יידיש האָט אָנגעפּלאָדזעט בערג מיט ליטעראַרישן שאַבלאָן און ווערטלאָזן געטינטל פון אַ חוצפּהדיקער גראַפאָמאַניע.

ווער האָט אייך געהייסן טינטלען אין יידיש?... איר שרייבט ווייטער, אַז דוד בן גוריון גרילצט דאָס יידיש לשון, ווייל עס דערמאָנט דעם דייטשן רוצח — דאַדורך איז די דייטשע שפּראַך ערלויבט צו ריידן פראַנק און פריי אין ארץ ישראל?... און יידיש לשון איז אָפיציעל פאַרבאָטן!

איר שרייבט אויך, אַז דער יידישיזם גרייפט אָן די פעסטונג „העברע־איש" פון אינווייניק, ניין, נישט יידיש לשון איז אַנאָנגרייפער, יידיש וויל אַלע מאָל לעבן בשלום מיט העברעאיש, און יידיש ווערט אַלע מאָל געשריבן מיט ליבע און דרך ארץ וועגן די אַלטע און נייע העברעאישע ליטעראַטור. אויב איר האָט מורא פאַר אָנגרייפן, איז עס ניט דאָס יידישע לשון, נאָר די זעלבע ענגלישע שפּראַך וואָס פאַרשלינגט דאָס יידיש־לשון אָט די ענגלישע שפּראַך איז אַ סכנה פאַר דער העברעאישער שפּראַך, און נאָר דאָס יידיש־לשון קאָן זיין אַ בריק צווישן ענגליש און העברעאיש.

עס איז ווערט זיך אַריינטראַכטן!

איר ווילט אויך באַווייזן, אַז די יידן זיינען געגאַנגען צו דער שחיטה ביי היטלערן מיט דעם אַלטן שמע ישראל און נישט מיט יידיש־לשון. יאָ גאַנץ ריכטיק: עס ווענדט זיך ווער! אויב עס איז געווען אַן אַלטער אָרטאָ־דאָקסישער ייד נאַטירלעך איז ער געגאַנגען אין געדאַנק מיט זיין קיטל און טלית און תפילין מיט דעם אַלטן שמע ישראל אויף די ליפּן, אויב אָבער עס איז געגאַנגען בונדיסטן, פּועלי ציוניסטן, קאָמוניסטן, זיינען זיי געגאַנגען

מיט א קללה אין יידיש:

א טויט צו היטלערן!<br>
א טויט צום פאשיזם!<br>
לעזט דעם נסתרס „דער זיידע מיט דעם אייניקל“.

איר גיט אויך אן עצה די יידישע שרייבער אין אמעריקע וואס זיי זאלן טון. איך זע אז אין אמעריקע ווערט געדרוקט אלע וואך נייע יידישע ביכער און זשורנאלן, און איר האט געשוויגן פאר עטלעכע יאר און יעצט, אז איר האט שוין אנגעהויבן צו שרייבן גייט איר העלפן צושטערן און באוויינען די יידישע שפראך. ניין, אויב איר ווילט אונז נישט העלפן זייט כאטש נישט פון אונזערע געגנער.

## דערקלערונג

מיין ארטיקל „ארץ ישראל און יידיש“ האב איך אריינגעגעבן צום דרוק (אין סעפטעמבער העפטל) פשוט צוליב דעם ווייל ס'איז נישטא קיין יידיש-ליטעראריש זשורנאל וואו אזא פאלעמיק צו דרוקן. דער פארוואורף (אין זעלבן סעפטעמבער העפטל), אז איך בין בפירוש אין אפענעם קאמף מיט „יידיש“ איז נאטירלעך נישט אמת, ווי דאס איז פון די אויספירונגען פון מיין ארטיקל קלאר ארויסצוזעצן. מיין פאטריאטישע באגייסטערונג פאר ארץ ישראל און דער נאציאנאל-שפראך העברעאיש און מיין ראדיקאלע קעגנערשאפט לגבי דער צרה פון יידישיזם און לגבי א יעדער פארם פון גלות-אריענטירונג, איז אין דער יידיש-ליטערארישער וועלט גוט באקאנט פון זינט יארן, סאי פון מיינע בלעטעריסטישע ארבייטן, סאי פון מיינע צייטונג-באריכטן, ארטיקלען און קריטיק.

אנצורופן מיין ריין פאלעמישן ארטיקל „פאמפלעט“ (אפשר איז עס גאר א טעות אין פרעמדווארט און ס'איז געמיינט „מאניפעסט“ ?...) און אזוי ביטרע מיר נאכצושיקן אזא לשון-הרע'דיק שטעך-בריוועלע פון א גוט-מיינענדיקן קאלעגע (אין זעלבן העפטל) וועגן כלומרשטע „בעלנים אויף קלאמקע קוועטשערס פאר די טירן פון קומענדיקע יידישע מיניסטארן“, אין שייכות מיט מיין ארטיקל, אט דעם אופן יידישיסטישער זלזול באציאונג, לאז איך איבער פאר א יעדן ארנטלעכן שרייבער און לייענער צו באאורטיילן.

איך וויל נאך דא באמערקן, אז מיין פאלעמיק איז געווענד נאר קעגן די אמעריקאנער יידישיסטישע שרייבער. מיט די לאנדאנער „מינים“ פון דעם ערגערן מין האב איך נישט קין מגע ומשא.

א. מ. פוקס



קייטי בראון

## ליטעראטור און שונד

### סצענע

די בינע שטעלט פאר א „דרעסינג-רום“ פון אן אקטיאר. עס הענגען בילדער אין פארשידענע פאזעס און אויך אייניקע היסטארישע קאסטיומען.

עס זיצט אן אקטיאר אין א באקוועמער פאזיציע, אנטקעגן אים זיצט א שרייבער, א קליין דאר מענטשל מיט לאנגע האר, ברילן, אן ארימען אנצוג, א ברייטן, צובויגענעם הוט, מיט נערוועזע הענט און קוקט ניינעריק אויפן אקטיאר. ווען דער פארהאנג געהט אויף, מאכט דער שרייבער צו די נאר וואס געלעזענע פיעסע.

שרייבער: (נערוועז) נו, ווי געפעלט אייך מיין פיעסע ?

אקטיאר: (ווישט אוים די מידע אויגן, טוט א פולן געניץ) ניין! צו זיין אויפריכטיק מוז איך אייך זאגן, אז זי געפעלט מיר נישט.

שרייבער: (מיט פארדרוס) קענט איר מיר זאגן פארוואס ?

אקטיאר: יעס, אייער פיעסע איז א ליטעראריש, איר האט דארט אזעלכע פראזען, וועלכע איך פארשטיי נישט, און איך האב מורא צו זאגן, אז איר אליין פארשטייט זיי אויך נישט, און דאס פובליקום וועט זיי אוודאי נישט פארשטיין!

שרייבער: וואס הייסט ? וויאזוי קען מען שרייבען פראזען, וועלכע מען פארשטייט נישט ?

אקטיאר: עט! דאס זענען קלייניקייטן. מען נעמט אביסל פון דא, אביסל פון דארט און מען שטעלט צוזאמען א פיעסע. ס'איז נישטא קיין נייעס און איר דארפט זיך נישט נעמען צום הארצן. איר זייט נישט דער איינציקער.

שרייבער: מיך דארפט איר אין אזעלכע זאכן נישט באשולדיקן. איך פארזיכער אייך, אז דאס איז מיין אייגענע שאפונג, אין גאנצן מיין אייגענע, איך האלט נישט פון נעמען ביי א צווייטן...

אקטיאר: וואס איז דער אונטערשיד ? איך בין סאי ווי סאי נישט באגייסטערט פון קיין ליטעראטור. דארט פעלט די לעבעדיקע אטמאספערע און די פאלקס-שפראך.

שרייבער: אויב אזוי, ווי-זשע קומט עס וואס איר פירט דאך אמאל אויף א גוטע פיעסע ?

אקטיאר: א ליטעראַרישע פיעסע מיינט איר ? יא, דאס טו איך נאר צוליב אייניקע יחידים, וועלכע פארלאנגען עס פון מיר, אבער נישט ווייל איך אליין האב עס ליב. וואס-זשע מיינט איר איז דער רעזולטאט ? דאס טעאטער איז יעדן אוונט ליידיק, דער עולם וויל נישט קומען און צאלן

געלט פאַר אַזאַ פאָרשטעלונג, וועלכע ער פאַרשטייט נישט. שפּילט מען בלויז פאַר ליטעראַטן, וועלכע פאַרשטייען יאָ, צאָלן זיי אָבער קיין געלט נישט. טאָ וויאַזוי קען מען אויפהאַלטן אַ טעאַטער און האָבן פּרנסה? אַ שווערער ענין, מיין פריינד.

שרייבער: מען שפּילט אָבער דאָך פּיעסן פון שעקספּיר, מאָליער, איבסען א.א.וו. און מען מאַכט מיט זיי גוטע געשעפטן. דערצו נאָך ווערן זיי גוט אויפגענומען סײַ פון פּובליקום און סײַ פון די קריטיקער.

אַקטיאָר: איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז די נעמען אַליין, וועלכע איר האָט נאָר וואָס אָנגערופן, שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דער טעאַטער-וועלט. דער עולם קומט נישט זען האַמלעטן, אָטעלאָן אָדער שײַלאָקן, דאָס קומט מען זען שעקספּירן. און אַזוי אויך מיט די אַנדערע דראַמאַטורגען, איר פאַרשטייט?

שרייבער: אַזוי! הייסט עס, אַז מיין פּיעסע געפעלט אײַך נישט; דערפאַר ווײַל איך האָב זי געשריבן און נישט שעקספּיר, האַ?

אַקטיאָר: ניין, איר פאַרשטייט מיך נישט. יענע שרייבער פון דער אַלטער וועלט קען מען מוחל זיין פאַר שרייבן אַזעלכע שווערע דראַמען. מע פירט זיי אויך אויף דערפאַר ווײַל זיי האָבן אַ היסטאָרישן אינהאַלט. פון די הײַנטיקע שרייבער אָבער פאָדערט מען עפּעס אַנדערש; עפּעס מיט אַ לײַכטערן סטיל און שפּראַך, וואָס רעד אײַנפאַכער טעאַטער-עולם, וועלכער איז די הויפּט זייל פון יידישן טעאַטער, זאָל קענען פאַרשטיין און נישט זיצן און קוקן אויף דער בינע ווי אַ „האָן אין בני אדם“. ווען די הײַנטיקע שרייבער זאָלן פאַרשטיין זייער אויפגאַבע, וואָלטן זיי נאָר שרייבן פּיעסן מיט שיינע עפעקטן, פיינע לידלעך, אָריגינעלע וויצן, אַ לײַכטע שפּראַך און אַן אַקטועלע האַנדלונג. דאַן וואָלט דאָס פּובליקום אָנגעפילט דאָס טעאַטער, דער מענעדזשמענט די קעשענעס, און אַלע וואָלטן צופרידן געווען, אַפילו דער שרייבער פון דער פּיעסע אויך! פּרובירט צו שרייבן אַ פּיעסע מיט אַן אינהאַלט וועגן דער מלחמה. צום בײַשפּיל, ווי דער מאַן קומט צוריק אַהיים און געפינט זיין פרוי אין די אָרעמס פון אַ געליבטן. דער מאַן ציט אַרויס אַ רעוואָלווער און דערשיסט אים, קליינע קינדער קומען אַריין צו לויפן און מאַכן אַ געוואַלד, אַ ליאַרם. עס לויפן אַריין פּאָליציי און אַרעסטירן דעם אונשולדיקן מערדער; און אַזוי ווייטער. אָבער איר מוזט זען, אַז דער סוף זאָל זיין אַ גוטער. אָט האָט איר אַ סיוזשעט פאַר אַ סוקסעס-פּיעסע.

שרייבער: יאָ, איך פאַרשטיי וואָס איר ווילט, אָבער די טעמע געפעלט מיר נישט.

אַקטיאָר: ווער זאָגט דען, אַז עס דאַרף אײַך געפעלן? געפעלן דאַרף עס דעם עולם און נישט אײַך. איר שפּילט דאָ אַ גאַנץ קליינע ראָלע. קיינער רעכנט זיך נישט מיט אײַער מיינונג סײַ ווי סײַ. אָבער



ווייסט איר גאָר וואָס, איך האָב פאַר אײַך אַ גוטן פּלאַן. שרייבט אַן „אַ פריילעכס“ אַזוי ווי מען שפּילט איצט אין אַלע יידישע קונסט-טעאַטערס: אַ יינגל מיט אַ מיידל האָבן זיך שטאַרק ליב נאָר די עלטערן פון ביידע צדדים לאָזן נישט צו צום שידוך צוליב יחוס אָדער נדן, און די צוויי פאַרליבטע האָבן אויסצושטיין דאָס גיהנום אויף דער וועלט. אָבער צום סוף לאָזט זיך אַלץ אויס צום גוטן. מען בעט זיך איבער, מען פּראַוועט אַ חתונה ווי גאָט האָט געבאָטן. עס איז ששון ושמחה, מען זינגט „לאָמיר אַלע אין איינעם די מחותנים מקבל-פּנים זיין“, מען גייט אַ פריילעך טענצל און עס איז חי-געלעבט. איר זעט, אָט דאָס הייסט ליטעראַטור.

שרייבער: יאָ, איך פאַרשטיי שוין וואָס איר ווילט. זאָגט-זשע וויפל קענט איר מיר באַצאָלן פאַר אַזאַ מאַכערייקע? ווייניקסטנס אַ הונדערטער, כאָטש, האַ? ווי זאָגט מען, אַז עסן חזיר, זאָל עס כאָטש רינען איבער דער מאָרדע...

אַקטיאָר: וואָס? אַ מאַכערייקע הייסט עס בײַ אײַך?! פע, שעמען זאָלט איר זיך! דאָס איז אַ גרויס ווערק און ווערט געשפּילט פון קינסטלער מיטן גרעסטן דערפאָלג. נאָר, זעט איר, וועגן דעם הונדערטער, וואָס איר הייסט זיך באַצאָלן, דאָס באַווייזט, אַז איר וועט שוין קיין פּיעסן-שרייבער נישט זיין. ערשטנס, ווי איך פאַרשטיי, זייט איר נאָך אַ גרינער אין דעם פאַך און איר פאַרשטייט נישט די פּראָפּעסיע; צווייטנס, האָט איר אַ צו גרויסן אַפּעטיט.

שרייבער: דאַכט זיך, אַז אײַער טעאַטער מאַכט גאַנץ גוטע געשעפטן. קענט איר זיך נישט דערלויבן צו צאָלן אַ שרייבער, וועלכער טריקנט פאַר אײַך דעם מוח?

אַקטיאָר: איר ווייסט אַ פּנים נישט, אַז פיל שרייבער צאָלן אונז נאָך צו, אַז מיר זאָלן אויפפירן זייערע פּיעסן. און איר רעדט גאָר פון אַזאַ גרויסער סומע. גייט, זייט נישט קיין יאָלד און מאַכט זיך נישט נאַריש. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז ווען מיר זאָלן צאָלן אַזויפיל געלט פאַר שרייבן, טאָ ווי וועלן מיר קענען האַלטן אַזאַ גרויסע טרופּע און יעדן צאָלן „וויידזשעס“?

שרייבער: אײַגנטלעך, צו וואָס דאַרפט איר טאַקע האַלטן אַזאַ גרויסע טרופּע? איר שפּילט דאָך פּיעסן נאָר מיט אַ קליין פּערסאָנאַל, לויט ווי איך זע.

אַקטיאָר: דאַרפן, דאַרפן מיר זיי נישט, ווײַל דאָלן שפּילן בײַ אונז די הויפּט-אַרטיסטן און די איבעריקע מוז מען האַלטן, ווײַל עס קומט אַמאָל אויס אַרויסצוטראָגן אַ בריוו אָדער אַראָפּצוטראָגן אַ בענקל און צו דעם דאַרף מען אַלץ האָבן אַקטיאָרן, ווײַל אַפילו די זאַכן מוזן ווערן קינסטלעריש אָדורכגעפירט. איצט קומט איר צו גיין און רעדט גאָר וועגן הונדערטער פונטן פאַרן שרייבן! איר דאַרפט נישט זיין אַזוי שטאָלץ

בײַ זיך מיט אײַער פּיעסע, װײַל נאָך אַלעם איז דער שרײַבער גאָרנישט אַזוי װיכטיק. דער עיקר איז שפּילן, פֿאָרשטעלן. נאָר אין דעם ליגט די קונסט, װײַל אויב אַ פּיעסע נעמט אויס איז עס אַ דאַנק די אַרטיסטן און נישט דעם שרײַבער.

שרײַבער: (שטעלט זיך אויף) װי עס זעט אויס װעלן מיר שוין הײַנט קײן געשעפֿטן נישט מאַכן. און אויב דאָס שרײַבן איז בײַ אײַך גאָרנישט, טאָ װײַזט אַ קונץ און שרײַבט אַלײן...

אַקטיאָר: איך האַלט זיך בײַ דאָס מײַניקע, אַז איר, שרײַבער, האָט קײן שׂכל נישט. אָט רעד איך מיט אײַך, דאַכט זיך גאַנץ לאָגיש. װיל איך געבן צו פֿאַרדינען אויב נישט קײן הונדערט פֿונט איז עס לכל הפּחות פֿינף פֿונט. װאָס־זשע פֿינף פֿונט איז בײַ אײַך קײן געלט נישט?! פֿאָלגט מיך און טוט װי איך הײס. שרײַבט אָן אַ פּיעסע און שרײַבט טאַקע אויפֿן ערשטן בלעטל ספּעציעל פֿאַר מיר געשריבן און איך גלויב די פּיעסע װעט אײַך געלינגען. און אַז זי װעט לויפֿן אַ דרײַ װאָכן, װעל איך אײַך דערלײַגן נאָך אַ פֿונט מיט אַ גרויסער רעקלאַמע און נאָטיץ אין דער צײַטונג אפֿשר אויך.

שרײַבער: נײן, איך קען בײַ מײַן בעסטן װילן אײַער פֿאַרלאַנג נישט נאָכקומען. איך קען נישט און װיל נישט שרײַבן קײן שונד. נאָר אײנס קען איך זאָגן אײדער איך גײ אַװעק: איר װעט די פּיעסע, װעלכע איך האָב נאָר װאָס געלעזן פֿאַר אײַך? זי װעט נאָך װערן אויפֿגעפֿירט מיטן גרעסטן דערפֿאָלג. און װײסט איר פֿאַרװאָס? נאָר דערפֿאַר װײַל זי געפֿעלט אײַך נישט.

אַקטיאָר: דאָס װעלן מיר זען.

שרײַבער: האָט מיר אַ גוטן טאָג און זאָל אײַך גאָט צושיקן אַזעלכע שרײַבער און פּיעסן, װעלכע איר פֿאַרלאַנגט. (האַסטיק אָב).

אַקטיאָר: אַזאַ חוצפּה! קומט צו גײן און נעמט צו מײַן טײַערע צײַט פֿאַר גאָרנישט. איך האָב שוין ביז יעצט געקענט האָבן געלעזן אַנדערע פּיעסן און אפֿשר געפֿינען װאָס איך דאַרף. (שטעלט זיך אויף, גײט צו צו דער טיר, מאַכט זי אויף) קומט אַרײַן, איר װעט מיר ענטשולדיקן װאָס איך האָב אײַך געלאָזט װאַרטן.

(עס קומט אַרײַן אַ צװײטער שרײַבער. בײדע זעצן זיך. דער שרײַבער מאַכט אויף זײַן פּיעסע פּאַרטיק צום לעזן).

פֿאָרהאַנג פֿאַלט לאַנגזאַם.



# צװײ אָפּענע בריװ מכוח אונזער טעאַטער דאָ

## 1. אונזער ייִדיש טעאַטער

איך װיל זיך דאָ נישט אַרײַנלאָזן אין װיכּוחים װער עס איז שולדיק אין טרויעריקן מצב פֿון ייִדישן טעאַטער. די אַקטיאָרן װאַרפֿן די שולד אויפֿן ייִדישן עולם און דער עולם אויף די אַקטיאָרן, אַזוי צו אַזוי דער טעאַטער פֿירט שטענדיק דעם זעלביקן פּנים.

אָבער אויך דער ייִדישער שרײַבער טראָגט דאָ אַ שטיקל פֿאַראַנטװאָרטלעכקײט פֿאַרן טעאַטער און דווקא דאָ אין לאָנדאָן מער װי אומעטום, װאָרעם דער ייִדישער „סנאָב“, װעלכער איז אַנטלאָפֿן פֿון דער איסט־ענד, מײַדט אויס דעם ייִדישן טעאַטער מורא האָבנדיק פֿאַרן „למה יאמרו הגוים“. די געזעלשאַפֿטליכע פֿירער אין לאָנדאָן, האָבן געװיס װעניק אינטערעס אין ייִדישן טעאַטער, טאָ װערזשע אויב נישט דער ייִדישער שרײַבער?

און אויב נישט דער ייִדישער שרײַבער בלײַבט דאָך טאַקע איבער אָט די אָרימע מאַמע פֿונעם „צוקער־שמאַטקעלע“, װי דער דיכטער שטענצל האָט באַטיטלט אונזער ייִדישן טעאַטער און זי מוז זײַן דער װעגװײַזער פֿון טעאַטער, טאָ װעלכע טענות קאָן מען צו איר האָבן, אַז זי װיל זיך „ענדזשאָיען“ און זען אַ לוסטיקע „פּלעי“ אין ייִדישן טעאַטער?

װאָס איך פּערזענלעך פֿאַרלאַנג פֿון אײַך א. נ. שטענצל איז, אַז איר זאָלט אָן רחמנות פֿירן אײַער קאַמף פֿאַר אַ גוטן טעאַטער און װען איך לײען אין אײַער „ליטעראַרישן העפֿטל“, אַז איר מוסרט מיך אויס, פֿיל איך, אַז איך בין דאָס װערט און באַקום נײַע כּוחות פֿאַר דער שװערער פֿאַראַנטװאָרטלעכער אַרבעט בײַם ייִדישן טעאַטער. איך באַטראַכט אײַך פֿאַר דעם קאָמפּעטענטן און ערלעכן מענטש צו װײַזן דעם ייִדישן אַקטיאָר דעם ריכטיקן װעג.

און לאָזט מיך אײַך נאָכװאָס זאָגן, איר שענקט צו װעניק אויפֿמערקזאַמקײט דעם טעאַטער, מיט עטלעכע שורהלעך קענט איר נישט יוצא זײַן, װעקט און מאָנט סײַ בײַם אַקטיאָר און סײַ בײַם באַװאוסטזיניקן ייִד צו פֿאַרבעסערן דעם מצב פֿון טעאַטער. זאָגט אַרויס פֿרײַ און אָפֿן װאָס איר פֿילט, װאָס איר פֿאַרלאַנגט פֿונעם ייִדישן אַקטיאָר און פֿון עולם. מיר האָבן איצט אונזער „נײַ ייִדיש טעאַטער“ בײַם פֿאָלקס־הויז און דאָס דירעקטאָריום װעט זיך נישט צוריק שרעקן פֿאַר שפּילן פֿון צײַט צו צײַט בעסערע פּיעסן. מיר האָבן באַװיזן מיט די „דרײַ מתּנות“, אָבער אַזאַ טעאַטער טאָר מען נישט איבערלאָזן אויף זײַן אײגן אחריות. עס טאָר נישט זײַן אַ טעאַטער פֿון יחידים. עס מוז װערן אַן אַלגעמײן געזעלשאַפֿטלעך טעאַטער און איך גלויב פֿעסט אין אײַערם אַ באַמערקונג: אַז דאָס בעסערע טעאַטער װעט אויסהאַלטן דאָס שונד־טעאַטער“.

יעדנפֿאַלס איז דאָס אונזער שטאָלץ, אַז מאָררים שװאַרץ האָט ערשט דעם הײַנטיקן סעזאָן געעפֿנט מיט די „דרײַ מתּנות“. אויך ארץ ישׂראל

שפילט איצט די „דריי מתנות“. אונזער טעאטער האָט די אויפפירונג אַרויסגעבראַכט אונטער באַמבעס און ראַקעטס.

נאָך איינס: פון מאָסקווע האָט מען טעלעגראַפיש זיך אָנגעפרעגט מכּוח דער אויפפירונג פון „דאָס צענטע געבאָט“. און אויך וועגן דער געשיכטע פון „ניי יידיש טעאטער“ ביים פאָלקס־הויז.

איך דאַנק אייך פאַר דער פאַרעפנטלעכונג פון מיין בריוו.

מיט גרויס דרך ארץ,

**א. מייזעלס**

## 2. א בריוו צו מיין קאָלעגע און חבר א. נ. שטענצל

ליבער שטענצל!

איך שרייב צו אייך אַן אָפענעם בריוו, כדי אייערע לעזער זאָלן אויך קענען לעזן דאָס וואָס איך שרייב צו אייך, ווייל עס האָט אויך אַ שייכות צו זיי און זייעריקע.

אין פאַרלויף פון אייער קורצן אויפהאַלטן זיך אין אונזער אידישן לאָנדאָן, האָט איר אַ סך קענען געלערנט וועגן אונזער קולטורעלן באַשטאַנד. איר קימערט זיך וועגן דעם, זענט זיך מקריב און אַרבעט בכלל שווער, כדי אויסצודריקן אייער ליבע צו אידיש און צו אַלץ וואָס אָטעמט מיט אידישקייט. אָפט שעם איך זיך וואָס כ'בין נישט בכח נאָכצופאָלגן אייער שיינעם ביישפיל.

אָבער טייערער חבר מיינער, איין באַשעפעניש — די געשמינקטע „קאָקעטקע“, וועלכע רופט זיך „דאָס אידישע טעאטער“ זענט איר ווי פאַרבייגענאַנגען אומבאַמערקטערהייט, ווייל וואָלט איר זי אַביסל נענטער געקענט, וואָלט איר אינם לעצטן אַרטיקל אייערן זי באַהאַנדלט אַביסעלע מער אָביעקטיוו: איר האָט דאָרטן פאָרגעשלאָגן צו מאַכן אַ מין שותפות מיט אַ געוויסן צד און ס'איז מיר אינגאַנצן נישט קלאָר פאַרוואָס אַזוי און צו וועלכן צוועק.

ערשטנס, מיין טייערער חבר, לוינט זיך צו וויסן, אַז דאָס לאָנדאָנער אידישע טעאַטער־וועזן, אָט די אָפּגעפאַרבטע „קאָקעטקע“, האָט שטענדיק מיט זיך פאָרגעשטעלט די האַלב־חנעוודיקע „פאַרפירערין“, וואָס ווייסט ווי צו דרייען זיך אויף איין קנאַפּל, ווינקנדיק אויף רעכטס און אויף לינקס, כדי אָנצומאַכן צרות צווישן אירע אייגענע „פאַרערערס“, וועלכע בלייבן תמיד די אָפּגענאַרטע; סאַי די, וואָס ווילן „טעמפּלען“ און סאַי די, וואָס ווילן „סתם“ טעאַטער... פאַר הײמלעכקייט וועגן...

פאַרוואָס עס איז אַזוי? ווייל די מעצענאַטן אונזערע, אויף וויפל ערלעך זיי זאָלן נישט זיין מיט זייערע מיסיעס, ליידן אַלעמאָל פון אָנשיקעניש און פּאַראַזיטן, וועלכע זוכן צו פּראָפּטירן פון דעם טומל, וואָס זיי אַליין



פאַבריצירן צו דעם צוועק. גאַנץ אָפט זענען זיי ווי די שרים און רותות. (אָט דאָס איז דאָך אונז ביידע גוט באַקאַנט). וועלכע טראָגן דעם האָבער פון איין פערד צום צווייטן, שפּאַנען איין צוויי געזונטע פערד אויף ביידע עקן פון איין שוואַכן וואָגן און שמייסן און יאָגן די פערד אין צוויי אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען, ביז דער וואָגן צעברעכט זיך אויף צווייען...

יאָ, מיר האָבן אַזעלכע אָנשיקענישן צווישן זיך. זיי קערן וועלטן; לאַטעווען און שמאַטעווען פרעמדע גרויסע שאַפונגען; באָרגן אויס און פאַראייגענען דאָס אויסגעבאָרגטע, און תמיד קריגן זיי אַן אָפּזאָץ־מאַרק. די נאַאיוו־פּשוטע, חלומדיקע מעצענאַטן לאָזן זיך שמייכלען און בלייבן צופרידענע מיט זייער גורל.

אָט דאָס אַלץ, ליבער שטענצל, האָט אַלעמאָל גורם געווען, אַז מיר זאָלן בלייבן די אָפּגענאַרטע און אויסגעלאַכטע. עס האָט אויך גורם געווען, אַז מיר זאָלן קיינמאָל נישט האָבן קיין שטענדיק טעאַטער אין לאָנדאָן.

אייערע וואונטשן, חבר שטענצל, אַז פון ביידע טעאַטערן זאָל ווערן איין געזונט טעאַטער, איז זער שיין. אָבער, טייערינקער, כדי צו שליסן אַ געזונט שותפות, מוזן ביידע צדדים אַריינברענגען גלייכע חלקים און נעמען זאַם אויספירן מאָראַלע און מאַטעריעלע פאַרפליכטונגען. — איז עס מעגלעך אין דעם פאַל, חבר? — אין וועמעס באַזיץ געפינט זיך דער אומאויסשעפּלעכער רעפּערטואַר וואָס באַשטייט פון הונדערטער עקזעמפּליאַרן? ביי וועלכן צד געפינען זיך היינט צו טאָג די קרעפטן, אינטעלעקט און טאַקע פּשוט די אינטעליגענץ פאַר וועלכער עס איז אויפפירונג?

אייער פאָרשלאָג, אַז איין צד זאָל שפּילן די „האָפּקעס“ און דער אַנדערער צד — קונסט און ליטעראַטור, — ווער, חבר? צו וועמען זאָלן געהערן די „האָפּקעס“ און צו וועמען די ליטעראַטור? צי ווייסט דען נישט דער עולם אין לאָנדאָן ווער עס האָט אויפגעפירט אַ סעריע פון גאָר שיינע, עכטע אידישע אָפּערעטן און אַ ריי עכטע פּערל פון דעם בינע רעפּערטואַר? קינד און קייט ווייסן, אַ במשך פון די לעצטע זעקס יאָר זענען עס געווען נישט קיין אַנדערע ווי נאָר עטאַ טאָפּעל און מאַרק מאַרקאָוו. וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן דעם גרעסטן דרך־ארץ און בייפאַל צוליב דעם שפּילן: די גרינע פעלדער; מאַדאַם עקס; אָנקל מאָזעס; אוריאל אַקאָסטאַ; מאָטקע גנב; נאָט, מענטש און טייוול; קרייצער סאָנאַטע; תלמיד חכם; דער פאָטער; מטורף — זאָל איך פאָרזעצן, חבר שטענצל?

און אויב איך דאַרף נאָך אַ ביישפּיל צו ווייזן די זעלבסט־איניציאַטיווע פון מאַרקאָוו, איז נענוג די לעצטע גרויסע אויפפירונג זיינע „דער אויפשטאַנד אין געטאָ“ פון רחל ראַניאַד:

מיר האָבן פאַר זיך אַן אַרבעט נישט נאָר פון אַ סתם־רעזשיסאָר, וועלכער גיט שטעלונג און טאָן, נאָר אַ קאָנסטרוקציע פון אַ געניטן אַרכיטעקט, מאָלער און סקולפּטאָר צוזאַמען גענומען מיט איין מאָל.

מיר ווייסן אַז אַ שאַפונג פון אַפילו דעם באַרימטסטן דראַמאַטורג, איז

א ווייכער און בויגזאמער מאטעריאל פון וועלכן דער געניטער רעזשיסאר קען אויפדאסניי נעמען קנעטן און פארמירן געשטאלטן, וועלכע זאלן העלפן שאפן די געוואונשטע בילדלעכקייט און דערזאגן און דערזינגען אלץ וואס דער אויטאר האט דורכגעלאזן אין זיין אינטערגעדאנק... ניט דערזאגט און נישט דערזונגען...

מארקאוו האט אין די דערמאנטע אויפפירונג באוויזן א ים פון עכט־קינסטלערישע דערגרייכונגען סיי אין דער אלגעמיינער קאנסטרוקציע און סיי אין איינצעלנע מאסן־סצענען און פלאסטישע גרופירונגען ווי א שטייגער די וויזיע פון די קדושים ביים שלום פון דריטן אקט.

יא, אלץ צוזאמען גענומען זאגט אויס, אז מיר האבן פאר זיך דעם מייסטער וועלכער קען און מעג דאמענירן זיין ארום, ווייל נאר אזא איינער, וועלכער האט א חוש פאר קאנסטרוקציע און פאר דאס עסטעטיש־קינסטלערישע, האט א רעכט צו מאנען אנערקענונג און דיקטירן וואו און מיט וועמען ער זאל שפילן טעאטער. ער האט פאר אונז אן איבריקן מאל באוויזן, אז ער קען זיך פענאמינאל דערהויבן צו א מדרגה פון עכטקייט ווי מיר זען עס אין דער ארט און ווייזע ויו ער גיט געשטאלטונג די פארבן שפריצן, וועלכע ווערן אפט זארגלאז און נאכעלסיק אנגעווארפן אויף א מאלערס פאלעט־ברעט.

אגב ווילט זיך באמערקן, אז כדי אונטערצושטרייכן מארקאווס פערזענלעכע דערגרייכונג אלס רעזשיסאר און קינסטלער, וואס נוגע די אויפפירונג פון רחל דאניאך׳ס „אויפשטאנד אין געטא“ מוז איך צוגעבן, אז וואלט רחל נישט געהאט צוגעגרייט פאר מארקאוו׳ן אזא אינהאלטס־רייכן עפיק, וואלט ער נישט געהאט פון וואס צו קנעטן און צו וועלכן צוגעבן געשטאלטונג.

דאס מיינט פשוט, אז רחל דאניאכ׳ס נשמה־אויסגוס איז א ליד פון צער און צארן און גרויס איז איר דערגרייכונג דערפאר ווייל זי האט אין איר געזאנג איבערגעזונגען אונזער נייעם טרויער ליד. אבער גרויס איז אויך דער רעזשיסאר, וועלכער קען אין זיין אינטערפרעטאציע אויך ארייננוועבן זיין אייגענע עסטעטישע פערזענלעכקייט.

ווערט דאך בלייבן די פראגע: — טא פארוואס זעצן מארק מארקאוו און עטא טאפעל נישט פאר אט דעם מין פיעסן? דער ענטפער, חבר, ליגט ליידער אינם ענין קאסע! מארקאווס אויפפירונגען זענען אנגעוויזן אויף יעדן איינעם וואס קויפט א בילעט (און דער, וואס טוט עס, האט א רעכט צו פארלאנגען וואס אזעלכעס מען זאל שפילן פאר זיין געלט...) ס׳איז נישטא קיין כשוף־סובסידיעס פון ערגעץ וואו צו דעקן וועכנטלעכע דעפיציטן און ס׳איז נישטא דער נאאיווער מעצענאט וואס לאזט זיך שמייכלען... פאר א גוטן פרייז...

אמת, חבר, עס איז טרויעריק, אבער עס זאל דאך אמאל קאנסטאטירט ווערן, אז סאי צו די אפערעטן און סאי צו די בעסערע אויפפירונגען קומט



דאס פאלק. אפט זיצט דער הארעפאשניק שטיל און מיט דרך ארץ, ווייל ער פילט אינסטינקטיוו, אז עפעס קומט פאר וואס ער פארשטייט נישט אין גאנצן, אבער ס׳איז גרויס... און די מאנענדיקע אינטעלעגענץ קומט נישט — זי בלייבט אלץ איינס מיט פאריסענע נעזער און ווארט אויפן טעלערל פון הימל... און בעטן גאט ס׳זאל נישט קומען, ווייל זיי קענען זיך נישט „באדערן“ סאי מיט וועלכן טעאטער...

צום שלום ווילט זיך דערמאנען, אז אפילו מארקאווס אפערעטן זענען שטענדיק געווען עסטעטיש און זויבער, ריין פון צווייידייטיקייטן; א „קרענק“ אזא אויף וועלכער אפילו גרויסע קאמישע „שטערן“ ליידן און קענען זיך פון איר נישט באפרייען!

נישט איינמאל האט זיך אונזער מארים מייער ז״ל מיט זיין ליבער פרוי (איר צו לענגערע יאר)... ארייננגעכאפט אין טעאטער צו אן אפערעטע און זיך אויסגעצייכנט אונטערגעהאלטן; לאכנדיק הארציק און רופנדיק הויך אויפן קול „בראווא!“ אויך אייך, חבר שטענצל, פלעג איך אפט באגעגענען ביי א שיינער און הארציק־אידישער אפערעטע. איי, האט איר עס אנגעקוואלן און געדאנקט!...

און צום סאמע לעצט: ווען צד נומער צוויי וואלט כאטש געקענט אויפפירן איינע פון די אויסגערעכנטע פיעסן מיטן געהעריקן דרך־ארץ לגבי דעם אויטאר, דעם עולם און לגבי זיך אליין, וואלט טאקע נישט געווען קיין נויטווענדיקייט צו זוכן א מין „שמעלץ־טאפ“ און נאך ווייניקער וואלט נויטיק געווען איינצולאדן יעדן מאנטאג און דאנערשטאג א נייעם „לייטנדן גייסט“ אדער א „דערלייזער“ וואס האט בכלל קיין שום שייכות נישט צום טעאטער, אז ער זאל לעבעדיק מאכן דאס „מפיל קינד“!

א הארציקן גרוס אייך מיין ליבער קאלעגע און חבר,

אייער,

מיט דרך־ארץ,

ס. פאלמע.

# אליהו פאליושאק

## א פארגעסן בוך

(„וועג אן א סוף“, א יידישער ראמאן פון גרשון שטערן)

„א יידישער ראמאן“, דאס איז דער אונטערטיטל פון א כמעט פארגעסן בוך, דערשינען 1934 אין בערלין, און וואס האט געמאכט א רושם אויף יעדן, וואס האט דאס בוך געלעזן מיט התמדה און איז טיף אריינגעדרונגען אין דעם מהות און נשמה, געשטאלטונג און פארמונג, סביבה און כאראקטער פון דעם דאזיקן בוך.

איבער „וועג אָן אַ סוף" איז געוואָרן זער פיל געשריבן נאָך פאַר דעם דערשיינען און אויך דערנאָך. גראָד האָב איך דערמאָנט, אַז אַט־אָ־דאָס בוך האָט נשמה און כאַראַקטער. דאָס דאָזיקע מוך איז אַ לעבעדיקע סובסטאַנץ, עס מאָנט און קלאָגט אָן, עס דערציילט און וועקט — עס איז דאָס בוך פונעם יידישן גורל.

אינעם שטענצל־העפטל (יידיש־לשון־העפטל) פון אויגוסט 1945 דערמאָנט ד"ר לעאָן מערקין אין זיין אַרטיקל „די צוקונפט פון דער יידישער קולטור" דאָס פאַרגעסענע בוך „וועג אָן אַ סוף" מיט די דאָזיקע ווערטער: „אַ זער שטאַרק יידיש בוך"... אַ בוך, וואָס באַשרייבט דאָס יידישע געטאָלעבן פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און וואָס פאַרדינט איבערזעצט צו ווערן אין אַלע שפּראַכן".

„וועג אָן אַ סוף" איז געוואָרן געשריבן אין דייטש און איז לויט מיין מיינונג גאָרנישט סתם אַ ראָמאַן אָדער אַן עפּאָס, נאָר אַ געוואַלטיקער עפּאָפּייע פונעם יידישן לעבן מיט זיין אייביקן אומעט און עצבות, מיט זיינע בענקענישן, משיח־אידעאַלן און ענטוישונגען, מיט זיין בטחון און האָפענונגסלאָזיקייט, מיט זיין אמונה און יאוש — דער וועג אָן אַ סוף.

די עפּאָפּייע שפּילט זיך אָפּ מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק אין אַ דייטשלאַנד, וואָס איז איינגעטיילט אין קליינע פירשטנטימער, הערצאָגטימער און אַזוינגערופענע פרייע האַנדלסשטעט, רייכס־און קרוינלענדער, רעגירט פון דעראויפגעבלאָזענער קאַטוילישער קייזערין מאַריאַ טערעזיאַ, באַקאַנט מיט איר שטאַרקער שנאה צו יידן. פון דער הויפּשטאָט ווין פירט די אַלמעכטיקע קייזערין איר הערשאַפט אַלס קעניגין פון שלעזיע, באָהעמיע און מאַראַוויע. אין דער אַלטער יידישער קהלה פּראָג רעגירט אין איר נאָמען אַ הויכער טשינאָווניק — דער רייכסשטאַטהאַלטער — אַ סאַטראַפּ, וואָס מוז, אויב ער וויל אָדער נישט, אויספירן אַלע רדיפות קעגן יידן, און אָן רחמנות זיי אַרויסטרייבן פון פּראָג און אַלע בעהמישע קרוינלענדער.

די וועלט שטייט דאַמאָלס על פרשת דרכים פון צוויי עפּאָכן: דאָס פאַרפוילטע, אַבסאָלוטיסטישע און אינקוויזיטאָרישע אייראָפּע האַלט שוין ביים אָפּשטאַרבן, און די ערשטע זון־שטראַלן פונעם גייסטיקן הומאַניזם דרינגען אַריין אין די מחות פון די גרויסע גייסטער פון דער געשילדערטער צייט. נייע כחות וואַקסן אויך אויס אויפן פּאָליטישן געביט — דער מעכטיקער קייזערלעכער דינאַסטיע האַבסבורג־בורבאָן שטעלט זיך אַקעגן אַ ריוואַל, דער „מאַרקיז פון בראַנדענבורג", באַמתדיק אָבער קעניג פרידריך דער צווייטער, דער אומבאַשרענקטער הערשער פון פּרייסן, — אַ געניאַלער און איינמאָליקער מענטש, אַ געמישעכץ פון דעספּאָטיזם און אויפקלערונג.

היסטאָריש גענומען וואָלטן אפשר מאַריאַ טערעזיאַ און פרידריך דער צווייטער מיט זייערע מיניסטאָרן, סאַטראַפּן און גענעראַלן געווען די הויפּטאַקטיאָרן פון דער דאָזיקער עפּאָפּייע; די יידן פון דער געשילדערטער צייט אַלס אָביעקטן צווישן האַמער און קאָוואַדלע וואָלטן איבערגענומען די ראָלעם



פון איינפאַכע קאָמפּאַרסן און סטאַטיסטן. גרשון שטערן קומט אָבער נישט צו אונז אַלס טרוקענער היסטאָריקער, וואָס האָט אויסגעגראָבן און אויסגעפונען אַלטע פאַרשטויבטע פאָליאַנטן, פון וועלכע ער האָט געשעפּט וויסן און בילדונג. זיין „וועג אָן אַ סוף" באַצייכנט ער: אַ יידישער ראָמאַן. טרויעריק־יידישלעך, אָן גאווה פירט ער אונז אַריין אין דעם היכל פון זיין ווערק מיט די דאָזיקע ווערטער:

„דאָס דאָזיקע בוך זוכט דיך, מיין פריינט.
עס איז, ווען דו ווילסט, אַ ראָמאַן.
עס איז היסטאָריע, ווען דו געפינסט עס אַרויס.
עס איז אַן אויפרוף, ווען דו האָסט אויערן.
גיב אַ שפּרונג צוריק מיט הונדערטער יאָרן!
פּלוצים שטייסטו אין דערמיט פון דיינע אבות, און וועסט דאָרט ענטדעקן אַ שטיק פון דיין אייגענעם איך.
דאָס דאָזיקע בוך איז נישט פּאָליטיש, נישט פּאָלעמיש.
עס איז געשיכטע אויס דעם ווינקל פונעם גורל.
דאָס היסטאָרישע איז דורך די פאַקטן גענוג בולט.
אַט־אָ־די געשעענישן האָבן זייערע געזעצן, וועלכע זענען נישט צו ענדערן,
און גראָד דערפאַר וועסטו קומען צום באַוואוסטזיין, אַז דו, מיין פריינט, און איך זיצן אויף דער אָנקלאָג־באַנק.
דו און איך, און אַלע די וועלכע האָבן זיך פאַרלוירן."

---

„וועג אָן אַ סוף" איז אַ יידישער ראָמאַן און די הויפּטהעלדן זענען דאָרט יידישע יחידים און גאַנצע יידישע קהלות פון אַמאָליקער צייט, יידישע אונטערטאַנען פון מלוכות, וואו זיי געניסן נאָר באַגרעניצטע רעכט, און ווערן באַהאַנדלט נישט לויט געזעץ און יושר, נאָר אָפּהענגיק פון די גוטע אָדער בייזע שטימונגען פון די הערשער.

און אין דעם ספור המעשה געפינט איר מאָמענטן: היסטאָרישע און געדיכטעטע, דיאַלאָגן, פּלפּולים און אָפּהאַנדלונגען. איר באַקענט אייך מיט אומצעליקע טיפּן און כאַראַקטערס פון דער יידישער און נישט יידישער וועלט פון פראַנקפורט, פון פּראָג און פון קליינע יידישע קהלות: שיינע יידן, בני תורה, ישיבה בחורים, גרויסע אָנגעזעענע סוחרים און אָרעמע פעדלערס; מקובלים און בטלנים; די לעצטע שבתי צבי אָנהענגער און די ערשטע געהיימע חסידים; ראשי הקהל, שמשים, דינים און סתם יידן.

אייך די נישט־יידישע טיפּן, וואָס פיגורירן אין דעם דאָזיקן „יידישן ראָמאַן" ווערן געשילדערט, געמאָלן אין אַוועקגעשטעלט נאַטירלעך און מענטשלעך. אפשר צו נאַטירלעך און צו מענטשלעך, ווען מען נעמט אין באַטראַכט די צרות און רדיפות, וועלכע יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון גוים אין דער געשילדערטער עפּאָכע.

מיט באַזונדערס גרויסע ליבע און ראָמאַנטישער גלאָריע צייכנט גרשון שטערן די פּאָרטרעטער פונעם יונגן דור: יצחק בן אליעזר אַלס דעם פּראָטאָטיפּ פונם יידישן סוחרישן פּיאָניר. מסחר איז ביי אים נישט פּשוט אַ כּיטל צום צוועק — סתם געלט פאַרדינען פאַר זיך אין זיין הויזגעזינט. מסחר איז פאַר אים אַשטיק עבודה און אַז „השם יתברך העלפט און מען האָט דערפאָלג, מוז מען מיט מעשים באַווייזן, אַז מען האָט עס ערלעך פאַרדינט." ! מיר געפינען אויך זיין ברודער אברהם, דעם לערנער, אַסקעט, בעל הלומות, וועלכער לעבט מיט אַ אַנדערער שליחות צו זיין דער דערציער פונם ייגגן דור; פּרץ, דער זון פון יצחק בן אליעזר, אַ הויכגעוואַקסענער יונגערמאַן מיט אַן איידעלעם אויסדרוק. געבענטש מיט אַ שיין קול, ווערט ער אַנטדעקט פון אַ רייכן יידישן בעלעבאָס פון פּראָג וואו ער באַקומט אַ שטעל אַלס חזן. נאָר דאַווענען און לערנען באַפרידיקט אים נישט מער. ער איז אַ קעמפער און אַ זוכער. „עס גיבט נאָר איינס. אין דעם איינעם שטעקט אַליץ. אָבער מיר, וועלכע שטרעבן צו דעם אינעם — מיר געפינען מדרגות."

מיר ווערן אויך באַקאַנט מיט ירוחם שמעלקעס, אַ קלוגער באַגייסטעטער חסיד, נישט באַליבט ביי די מנהיגים פון דער קהלה (ער איז איינער פון די ערשטע אָנהענגער פון בעל שם); מיט הענדעלע זיין טאָכטער, אַן אידעאַלע ווייבלעכע געשטאַלט פון דאַמאָלס, מיטן שמש לייב סאַנדעלס און זיין טאָכטער פריידעלע, אַ הילפסבאַרייט שוואַך נפש'ל, און ישראל פראַנקל שאַפּירא, דעם זון פונם פּרימאַטאר פונם פּראָגער געטאָ. ער איז אַ געבילדעטער יונגער ייד פון זיין צייט אינם קעגנזאַץ צו פּרץ בן יצחק, וועלכער איז די פּערזאָניפיצירונג פונם זינגנדיקן ייד, איז ישראל פראַנקל שפּירא דער וויסנדיקער ייד, דער ראַציאָנאַליסט, דער טאַט-מענטש, דער קומענדער יידישער פּאָליטיקער.

פּרץ און ישראל פראַנקל לערנען זיך קענען און האַלטן שטאַרקע פריינטשאַפט ביז צו פּרצעס טויט. פּרץ און הענדעלע קומען אום אין אַ שטורעמדיקער נאַכט, בשעת דער אַרויסטרייבונג פון די פּראַגער יידן לויט אַ גזרה פון מאַריא טערעזיאַ.

יצחק בן אליעזר, זיין ברודער אברהם פּרץ, הענדעלע, פריידל, ישראל פראַנקל שאַפּירא, זענען די שענסטע אידעאַל געשטאַלטן, וועלכע עס האָט אונז געקענט ברענגען אַ ניי ווערק (און כאָטש עס איז געשריבן אין דייטש) אין דער יידישער ליטעראַטור.

„וועג אָן אַ סוף" איז אַ יידיש בוך, איז „געשיכטע אויס דעם ווינקל פון יידישן גורל." אין דעם דאָזיקן בוך ברענגט אונז גרשון שטערן, דער איינזאַמער יידישער סוחר פון קלעווע ביים נידער-ריין (נישט ווייט פון דער האָלענדישער גרעניץ) צעם באַוואוסטזיין, אַז יעדער ייד ליידט און דולדעט נישט אַלס יחיד, נאָר אַלס גליד פון זיין פאָלק. יעדער ייד מוז זיך פריי מאַכן פון דעם שלאָגוואָרט „צופאַל" אָדער „טראַניק". צו זיין אַ ייד איז



גורל, שיקזאַל, וואָס ציט זיך פון דור צו דור יאָרטויזנטלאַנג. דער דאָזיקער גורל וועבט זיך און וועבט זיך און וועט זיך ווייטער פאַרטוועבן — עס איז אַ „וועג אָן אַ סוף".

אין קאַפּיטל 7 הערן מיר, וואָס אַן אַלטער למדן פון אַ דייטש-יידישער קהלה זאָגט צו זיינע געסט איצעק (יצחק בן אליעזר) און זיין יונג ווייבל צאַרטעל: „74 יאָר, וואָס זענען שוין פיראונזיבעציג יאָר? דער אייבערשטער זיצט אויף זיין כסא הכבוד און שטייט אויף — און ס'פאַרגייען טויזנט יאָר. אָבער 74 יאָר דערציילן אַ שטיק אייביקייט. איך בין געבוירן אין פּוילן, אין דער ליבלינער געגנט. עס איז געווען אין יאָר ת"ח. ווײ און געשריי איז געווען אין יאָר ת"ח. פון אַלטע צייטן אָן זענען יידן אַנטלאָפן נאָך מזרח, זינט די קרייץ-צוגן, ווען מען האָט יידן מיט טשעוועקעס אָנגענאָגלט אויף צוויי דראָנגעס: הונדערטער, טויזנטער און טויזנטער; און זייט 1348, ווען אַמגפה איז געגאַנגען איבער דייטשלאַנד, האָט מען פאַרברענט יידן: הונדערטער, טויזנטער און טויזנטער, אין מאַנכע שטעט האָט מען געשפּירט דעם ריח פון צוועלפטויזנט פאַרברענטע יידישע גופים. זיינען יידן געלאָפן. זיי האָבן געהאַט נאָר זייערע קליידער און זייער עלענט... און דאָס איז אַ סך, און דאָס איז גאָרנישט. זיי זענען געקומען נאָך פּוילן און האָבן געפונען מנוחה און שלום. עס איז געווען נאָר אַ פּויזע. פּלוצים, אין נאָר ת"ח, מיין טאַטע עליו השלום האָט עס מיר געשריגן אין די אויערן אַריין — אינם יאָר פון מיין געבוירן ווערן איז פונם דניעפּר אויס איבער די גאַנצע אוקראַינע געגאַנגען דער אויפשטאַנד פון די פּויערן קעגן די פּוילישע שלאַכטשעס. האָט עס געטראָפן די יידן, וואָס זענען דאָרט געזעסן אַלס אַרענדאַרן און באַלעמלאָכעס. האָט עס זיי אַזוי געטראָפן, אַז עס איז נישט געבליבן אויף זיי אַ שטיקל הויט..." — „מען האָט אַ סך פון זיי אָנגעבאָטן זיך צו שמדן. מען האָט זיי געמאַטערט, ס'איז פאַר זיי געווען אַ פאַרגעניגן צו זעענטויזנטער זיך ראַנגלען מיטן טויט. זייערע קערפּעס האָט מען געוואָרפן צום פרעסן פאַר הינט און חזרים. אייניקע האָבן געקענט אַנטלויפן נאָך סטאַמבול. אַנדערע נאָך גאַליציע און בעהמען, און גאָר אַנדערע צום מערב צו, פון וואַנען זיי זענען געקומען מיט דריי הונדערט אָדער זעקס הונדערט יאָר צוריק. וואָס זענען שוין הונדערט יאָר פאַר אַן אייביק פאָלק! היינט וואַדערן זיי פון מזרח נאָך מערב און מאָרגן פון מערב נאָך מזרח. און זיי זענען געוואַנדערט און האָבן געהאַט נאָר זייערע קליידער און זייער עלענט. און דאָס איז גאָרנישט און דאָס איז אַ סך."

„וואָס הייסט אַ סך, רב אהרן?" פרעגט פּלוצים רב נתן. „ווער קען אָפּוועגן אַ טרער? און ווער גאָר אַן אומענדלעכן ים פון טרערן?"...

אין די קנאַפּע 500 זייטן פון דעם יידישן בוך וואו עס ווערט באַשריבן געשיכטע אויס דעם ווינקל אָדער ווינקעלעך פון יידישן גורל, באַמיט זיך דער נישט-פּראָפעסיאָנעלער שרייבער גרשון שטערן אונז אַריינצופירן אין די

ייִדישע וועלט פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע ווען דאָס לעבן איז געווען שווער, האַרט און טרויעריק. ווען דאָס דאָזיקע בוך זאָל אויך זיין אַן אויפרוף, דאַן וויל דער מחבר, אַז מיט דער הילף פון פאַרשטיין דעם עבר, זאָלן מיר לער־נען פאַרשטיין די איצטיקע צייט, אונזער נעגנוואַרט און אפשר — (פאַרוואָס אפשר?) קענען בויען פאַר די צוקונפט.

זאָגט דאָך ירוחם, דער פאָטער פון הענדעלע, נאָכדעם ווי זי און פרץ זענען אומגעקומען אין דער קאַלטער שטורעמדיקער גירוש־נאַכט: „רבונו של עולם, דו ווילסט איך זאָל דיר דינען מיט מיינע ענוים. איך בין געגאַנגען ביז צו דער לעצטער גרעניץ. דו האָסט מיך געבראַכט צום גרעסטן נסיון. זע, איך לויב דיין ליבן נאָמען.“

און ר׳ אברהם, דער פעטער פון פרצן? — „אברהם האָט באַהערשט אַ זעלטענע רואיקייט. ס׳איז דאָ געווען דער שמערץ, און ס׳איז דאָ געווען די רואיקייט. אברהם האָט נאָכגעקלערט איבער זיין גאַנץ לעבן. ווי טיף מוז זיין דער זין פון לעבן, אַז פאַר זיינעטוועגן קענען מיר אויפיל דערטראָגן.“

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳איז כמעט אוממעגלעך אין אַ קורצער אָפּהאַנדלונג איבערצוגעבן און צו פאַרמיטלען די פילע כאַראַקטעריסטיקס און מעלות פון „וועג אָן אַ סוף“. די גרויסע צאָל מענטשן, וועלכע פיגורירן אין דעם בוך, אפילו אַזעלכע משונהדיקע פאַרשוינען ווי נחום, לייב סאַנדעלס זון, און דער אַלטער פאַר־פאַלגטער שבתי צבי׳ניק שמריה הכהן — אַלע ווירקן אויף אונז ווי לעבע־דיקע מענטשן; זייער לעבן און זייערע מעשים פון אַמאָל ווירקן אויף אונז ווי אַ שטיק קעגנוואַרט.

„וועג אָן אַ סוף“ געהערט צו דעם מין ביכער, וועלכע לאָזן איבער שליאַדעס אינם דענקן און פילן פונם אינטעליגענטן לעזער; לאָזן איבער שפורן כמעט ווי „מלחמה ושלום“ פון טאָלסטאָי, „עגמאָנט“ פון געטהע, „טיל אולענשפּיגל“ פון שאַרלס דע קאָסטער און „פּוילישע וועלדער“ און „דער אויפשטאַנד“ פון אָפּאַטאָשו.

ס׳איז דעריבער כדאי, אַז דאָס דאָזיקע פאַרגעסענע בוך „וועג אָן אַ סוף“ זאָל איבערזעצט ווערן אין אַלע לעבעדיקע שפּראַכן. באַזונדערס דאַרף עס ערלעך, קינסטלעריש און מיט ליבע ווערן איבערזעצט אין ייִדיש. גרשון שטערן׳ס בוך האָט אַ מיסיע, אַ גרויסע שליחות: עס איז אַ ראָמאַן ווען דו ווילסט; עס איז אַן אויפרוף צו אונז אַלעמען, — צו דער גאַנצער וועלט, און עס איז געשיכטע אוים דעם ווינקל פון אונזער גורל — דעם וועג אָן אַ סוף.

גרשון שטערן׳ס גרויס ווערק דאַרף נישט בלייבן אַ פאַרגעסן בוך.



## משה עובד

# לכבוד דעם רעדאַקטאָר, עסעאיסט און דיכטער א. נ. שטענצל

(צום דערשיינען פונם 70־טן העפטל)

לכבוד דעם שפּעפערישן רעדאַקטאָר
פון זיבעציק חודש־דיקע און דינע העפטלעך;
דעם געניאַלן גאַסן־פאַרקויפער פון די העפטלעך,
ביי דעם יידן און ייִדינעס כאַפּן מציאות
ווייל ער לייגט צו ס׳געזונט צו די געשעפטלעך
נישט נאָר ס׳געזונט, נאָר אויך די רפואות...

לכבוד דעם לייטער „פון פריינד פון ייִדיש לשון“
נישט נאָר פון צעקאַליעטשעטן לאָנדאָן,
נאָר אויך פון גאַנצער פּראָווינץ, פון הודו ביז בשן,
און פון „די ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס“
דעם אינספּיראַטאָר, איניציאַטאָר און אָראַטאָר,
און „צי עס איז יאָ אַנאָנסירט צי נישט“
איז ער אַ פרייוויליקער זעלנער;
ביים שלוש סעודות׳דיקן הערינג־טיש
און ביים גלעזעלע טיי —
קעלנער.

אָה, וויי צו דיר לאָנדאָן! וויי!
פון די פאַרוואָגלטע דו פלאָגער!
ווי דו האָרכסט זיך דאָס צו צו דיינע אָנזאָגער!
צו דיינע וועקער און טרייסטער!
ווי דו שליידערסט דאָס אין מיסט
דיינע באַקרוינטע גייסטער!

דעריבער, אָט דעריבער, וואַלגערט זיך אין שטויב,
דיין כבוד, רום און רייכטום,
ווייל צום רוף פאַר דיין קיום ביסטו טויב,
און צו תשובה ביסטו שטום.

י. טיגער

# די „העפטלעך“ און זייער ארויסגעבער

(אַ דערוויילִיקער איבערבליק)

ווען עס זאָל איצט, צום דערשיינען פון זיבציגסטן „העפטל“, רעטראָ-ספעקטיוו אָוועקגעשטעלט ווערן די פראַגע: צי וואָלט נישט געווען אַ סך גלייכער, ווען מען וואָלט אַנשטאָט די איינצעלנע העפטלעך מיט זייער צו-פעליק, נישט געקליבענעם מאַטעריאַל ארויסגעגעבן איין, אָדער צוויי וואָגיקע זאַמלביכער, מיט אַ שטרענג סעלעקטירטן תוכן?! — דאַן איז נישטאָ קיין שום ספק, וויאַזוי דער ענטפער דאַרף זיין: — די „העפטלעך“! טאַקע גיכער די העפטלעך מיט אַלע הסרונות זייערע, מיט דער פאַרבנלאָזיקייט זייערע, אָבער מיט זייער רעגלן און פינקטלעכן דערשיינען, מיט זייער אָנזאָג און מיט זייער דערמוטיגונג.

וואָרים דער באַטייט און די השפעה פון זאַמלביכער ווערן אין אַלגע-מיין שטאַרק איבערגעשאַצט. זיי ווערן געוויינטלעך אַ קנין פון יחידים — אין בעסטן פאַל, אַ קנין פון צאָלרייכע יחידים, — אָבער זייער השפעה אויף די ברייטע מאַסן קומט זעלטן ווען צום פאָרשיין. דאָס איז געזאָגט אפילו כשהשנים כתקונן, אין נאָרמאַלע און רוהיקע צייטן. אָבער אין שעת הירום — אין צייט פון איבערברוך, אומקום און — לאָמיר האָפן — אויפבוי, נויטיקט מען זיך אין „גיכער הילף“! מען קאָן נישט וואַרטן, ביז מען וועט זיך קאָנען רחובותדיק אַוועקזעצן צו אַ פעטרע און געשמאַקער סעודה. כדי די גרויל-צייט אַריבערצוטאַנצן, מוז מען לעבן „פון האַנד אין מויל“, אַנ-שטאָט אַ שטיק געבראָטן עוף, מוז מען נעמען פאַרליב מיט אַ פיידע לחם, טיילמאָל בלויז אַ דאַרן רעפטל ברויט, אַבי צו דערהאַלטן דעם חיות און ממשיך זיין ביז עס וועלן קומען „בעסערע צייטן“...

דאָס, דוכט מיר, איז געווען דער ציל, וואָס די „העפטלעך“ האָבן פאַר זיך געשטעלט, צו זיין די „אייזערנע ראַציע“, ווי דאָס ווערט אָנגערופן אין מיליטערישן לשון, בשעת הדחק, ווען מען מוז קעמפן אונטער שווערע באַ-דינגונגען, אָדער מען איז געצוואונגען צו פאַרטיידיקן דאָס אייגענע ביסל קיום מיט די לעצטע כוחות. — עס איז בלויז די פראַגע, צי האָבן די העפטלעך דערפילט אָט די אויפגאַבע?...

———

ס'איז קלאָר, אַז אַ גרויסער טייל פון מאַטעריאַל, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין די העפטלעך, — עס נעמט אַרום ביז איצט אָן ערך פון העכער טויזנט זייטן! — וועט פאַרבראַקירט ווערן, און מען וועט דערפון אויסטיילן בלויז אַ פערטל — אָדער פינפט-חלק אַלס דויערהאַפט ווערטפול; אָבער מיר ווייסן דאָך, אַז אין דער נויט פאַרווענדט מען אויך פלעווע צום ברויט-באַקן.



מען קען דערפון, פאַרשטייט זיך, נישט ווערן „פעט“ און „שפּריצן“ מיט כח. — אָבער ווען דער אַרויסגעבער איז קאָנפראָנטירט געוואָרן מיטן אייגענעם געוויסן, וועלנדיק ברענגען צום אויסדרוק זיין אידעאַישע איינגעזעסנקייט — די אידייע פון אויפהאַלטן דעם פאָלקישן שאַפונגס-כח אויף יידיש, — האָט ער אויסגעוויילט אָט דעם דרך, וועלכן ער האָט געהאַלטן פאַר פּאַסיק: גיין צו די מאַסן מיטן לעבעדיקן וואָרט בעת די „ליטעראַרישע שבת נאָכ-מיטאָגס“. און מיט דעם געדרוקטן וואָרט אין די „העפטלעך“. ער האָט גע-וואָלט אַריינזאָגן אַ קלין אין דער אָבגעשטאַנענקייט, וועקן, מאָנען און קורא-זשירן. ער האָט די פראַגע פון יידיש, פון יידיש שאַפן, פון יידישער קולטור א.א.וו. אַוועקגעשטעלט אויפן שאַרף פון מעסער; און ווייל ער האָט זיך צו שטאַרק זאַמירעט, ווייל ער האָט פאַרקירעוועט מיט דער גאַנצער פאַרע, הגם דער רעזערוו און הייץ-מאַטעריאַל איז אָפט געווען אַ גענוג שוואַכער, האָט דאָס פייער בלויז געטרישטשעט און פון זיך אַרויסגעשטראָמט אַ מין לעבלעכקייט — לא חמימא ולא קרירא. אויך דער פּאַטאָס זיינער כאָטש ווייטאָגלעך אויפריכטיק איז טיילמאָל געוואָרן גרילצנדיק און זיך פאַרלוירן אין אַ דומפּיקן דיסאָנאַנס.

———

דער דיכטער א. נ. שטענצל האָט אין די טעג פון באָמבעס און פון „בליץ“ געוואָלט לאָזן הערן זיין שטים, האָט ער זיינע לידער אָפּגעדרוקט אין האַלב-בוינגדיקע העפטלעך, און דידאָזיקע העפטלעך טאַקע בכבודו ובעצמו אַליין פאַרקויפט צו די לייענער. ער האָט זיי, אַזויצוזאָגן „אונטער-געטראָגן“ זיינע העפטלעך. כדי דאָס צו טון, איז דערצו נויטיק אַ שטאַרקן זעלבסטבאַוואוסטזיין און אַ עטישן כוח. שטענצל פאַרמאָגט, ווייזט אויס, ביידע סגולות, און ער האָט אַוועקגעשטעלט די העפטלעך אויף אַ זיכערער באַזע. הגם שפּעטער, ווען ער האָט גענומען פאַרעפנטלעכן אויך אַנדערע מאַטעריאַלן, און די העפטלעך האָבן זיך צעוואַקסן אויף צוויי ביז דריי, — טיילמאָל אויך ביז פיר דרוק-בויגן, האָבן „פריינט פון יידישן לשון“ אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבן געבן אַ מאַטעריעלן צושטייער — איז אָבער דער ענין אַזוי אַוועקגעשטעלט, אַז די העפטלעך קאָנען רעגעלמעסיק דערשיינען אין אַ מינימום פון איין בויגן דרוק אָן שום זייטיקער הילף. נאָר מיט דער ענערגיע און פאַרקויף-טעטיקייט פון אַרויסגעבער.

ווען מען נעמט אין אכט, ווי עס ווערט געקלאַפּט אין טאָג ביים אַרויס-געבן פון אַ צייטשריפט אויף יידיש, איז ממש צו באַוואונדערן, וויאַזוי איין מענטש, איין איינציקער מענטש, טראָגט אויף זיינע פּלייצעס אַ פעריאָדישע אויסגאַבע אויף יידיש, וואָס דערשיינט זינט העכער פינף יאָר פינקטלעך אָן שום הפסקה! — עס איז אַ גרויסע דערגרייכונג.

———

עס וואַרפן זיך אין די אויגן געוויסע ענלעכקייטן צווישן שטענצלס „העפטלעך“ און דער העברעאישער צייטשריפט „המעורר“ פון י. ח. ברענער.

ניִשט בלויז דערפאַר, ווייל ביידע זענען דערשינען אין לאָנדאָן-ווייטֿ און געדרוקט זיך אין דערזעלבער דרוקעריי, אין דער דרוקעריי פון י. נאַראָדיצקי; נאָר ווייל ביידע האָבן „גענומען דאָס וואָרט" בעת אין גאַנץ אייראָפּע — איינשליסלעך רוסלאַנד איז נישט דערשינען קיין שום אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבע אין דער באַטרעפענער שפּראַך. ביידע זענען געקומען צום לייענער מיט אַ אש־להבה־פּאַטאָס, און ביידע האָבן אויף זיך געטראָגן דעם גאַנצן עול פון דער אויסגאַבע.

פאַראַן אָבער צווישן ביידע אויסגאַבעס אַ גאָר גרויסער חלוק: בעת ברענער האָט זיין „המעורר" אָפּגעשטעלט צוליב מאַנגל אין פּאַסיקן מאַטע־ריאַל, וועלן זיך די העפטלעך צוליב אָט דער סיבה גראָד נישט אָפּשטעלן. להיפוך, דער אַרויסגעבער האָט שוין נעגעבן אָנצוהערן, אַז מען דאַרף די העפטלעך פאַרוואַנדלען אין אַ זשורנאַל...

אין דעם מאַטעריאַל, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין די העפטלעך — אַ חוץ אין שטענצלס און טיילווייז אויך אין עובד'ס לידער, ווי אויך אין אַ קליינעם טייל פון אַנדערע אַרבייטן דאַרפט איר נישט זוכן קיין ליניע, קיין לויטער־קייט פון סטיל אָדער מאָס און פאָרמהאַפּטיקייט. עס איז דאָ פאַראַן אַ מיש־מאַש, עס זיינען דאָ פאַראַן געדרוקטע זאַכן, וואָס אפילו דער באַרימטער „קיליקיווער קוריער" וואָלט זיי נישט פאַרעפנטליכט... אָבער שטענצל, ווייזט אויס, איז דער שר פון הסכמות אויף יידיש, און כדי צו פאַרשאַפן אַ נחת רוח אַן „אויטאָר", איז ער קאַפּאַבל זיך נישט לאַנג צו לאָזן בעטן און די „זאַך" — שוין איינמאָל אַ זאַך!... — אָבצודרוקן.

אָבער דאָס פאַרשאַפן אימיצן אַ האַרמלאָזן פרייד פירט דעם גראַדן וועג צום פלאָדיען שרייבערישע כוחות, וואָס קומען דאַן מיט פּרעטענזיעס! נישט גענוג, וואָס די העפטלעך פאַרמאָגן נישט קיין שום פּובליציסטיק — די אַרטיקלען פון אַרויסגעבער זיינען ניכער צייט־לידער אין פּראָזע — נישט גענוג, ווי דער אַרויסגעבער איז זיך אַליין מודה — האָבן די זיבציק העפט־לעך נישט אַרויסגעבראַכט קיין איין נייעם טאַלאַנט, ברענגט די באַמבאַסטיק פון די אומגעלומפּערטע אָנפאַנגערס די סכנה, אַז די העפטלעך, הגם זיי זיינען נישט קיין רייסנדיקער שטראָם אָבער פאָרט אַ גייענדיק, לעבעדיק וואַסער — די באַרעדעוודיקייט פון די „נייע כחות" וועלן דערפירן דערצו, אַז די העפטלעך וועלן ווערן אַ סאַזשעלקע, מיט אַ גאַנץ פיינעם גרינעם געמויזעכץ, אָבשרעקנדיק אַ פּראָפעסיאָנעלן און באַוואַוסטן שרייבער דאָרט „אַריינצושטעקן די נאָז"...

עס איז אוודאי געמאָלט, אַז אונזער בליק דאָ וועגן די העפטלעך — צוליב דער נאָענטקייט — צוליב דער שטאַרקער נאָענטקייט — געבן נישט דעם נויטיקן פּערספּעקטיוו פאַר אַ געהעריקער אָפּשאַצונג. די צוקונפט וועט אַלענפאַלס אַרויסזאָגן איר ענדגילטיקן אורטייל.

אמת, שטענצל טענה'ט, אַז ער איז נישט קיין רעדאַקטאָר, נאָר בלויז אַ מבוא לבית הדפוס, אַ איבערגעבער צום דרוק; אָבער דאָס נעמט פון אים



ניִשט אַראָב דעם אחריות. וואָרעם סוף כל סוף זיינען די העפטלעך די באַ־ דייטענדסטע יידיש־ליטעראַרישע עקספּאָזיטור אין גאַנץ אייראָפּע, וואָס זייער אויפגאַבע איז צו ווירקן, און צו באַווירקן די יידיש לייענער, איצט אין דער צייט פון דעם שווידערלעכן תוהו־ובוהו דאַרפן זי האָבן דעם כוח פון פאָרערונג, פון מאָנונג — פון מעמענטא!

נישט דאָ איז דער אָרט אָבצושאַצן שטענצלס פּלאַץ אין דער יידישער פּאָעזיע; מען וועט אַמאָל דערציילן: געווען אַ מענטש, וואָס האָט אָנגעטון קראָמיסלעס אויף זיינע מאָגערע אַקסלען און געטראָגן די „העפטלעך", וואָס דערשיינען אין לאָנדאָן־ווייטשעפּל ת"ש־תש"ו. — דאַכט זיך, ער ברויכט נישט קיין גרעסערן שבח...

## לכבוד דעם יובילעאום פון די העפטלעך און פאַרן כבוד פון אַלע זיינע מיטאַרבעטער

האַלטן מיר שוין, הייסט עס, ביים 70־טן העפטל, ברוך השם, און איך קאָן נאָך אַליין נישט זאָגן מיט בן־זומא'ן: „הרי אני כבן שבעים שנה", ווייל איך האָב דאָך זוכה געווען צו אַ קאָלעגיאַלע פריינטלעכקייט (איר ווייסט דאָך: „בעסער אַ ביס פון אַ חכם איידער אַ קוש פון אַ נאַר"!) דירעקט פון אונטער דער פּאַכווע אפּויער, דהיינו: „אַז פּראָפעסיאָנעלע שרייבער, (כביכול,) וועלן זיך שוין באַלד היטן אַריינצושטעקן די נאָז" אין אונזער העפטל בלע"ז. און אויב די שבכתב יובילעאום־באַגריסונג פון אַ קלוגיטשקן איז אַזוי לעלה־ולעלהדיק קאָנט איר זיך ערשט פאָרשטעלן דעם שבעל־פּה פון די פּראָפעסיאָנעלע ווייַ־הכמים, הן פון די דאָזיקע וואָס דרוקן זיך נאָך אינם העפטל און הן פון די וואָס גרייטן זיך ערשט געדרוקט צו ווערן.

מילא, איז דאָס טאַקע אַ שטיקל דערגרייכונג פאַר אַ „יובילאַר"! ווייל, וואָס־נישט, אָבער פון מיינע שבעים'דיקע דערפאַרונגען האָב איך דאָך עפּעס געלערנט. — אויף וויפל איך זאָל נישט זיין נישט־רעדאַקטאָר! —צו קענען אינטערשיידן פון אַ פּראָפעסיאָנעלן צו אַ נישט־פּראָפעסיאָנעלן: דער ערשטער האָט תמיד פליי אין דער נאָז... (דעם שרייבעהישן אונטערשייד האָב איך נישט תמיד אַרויסגעפונען!)

און כאָטש אני הגדול האַלט מיך אויך צווישן די פּראָפעסיאָנעלע (און דערפאַר וועט מיר מיין פריינטלעכער קאָלעגע מוחל זיין מיין קלוגעטשקע שטעכל, ווייל עס קומט נישט פון הארצן, נאָר פון אַזאַ באַפּלינגלט חיהלע, מסתמא, וואָס האַלט זיך אויף ערגעץ אין די טיפענישן פון מיין נאָז...) איז דאָך דער יובילעאום יום־טוב פון מיינע העפטלעך ביי מיר סוף כל סוף אַ בשלמותדיקער!! מיט די געשעענישן די לעצטע יאָרן מיטגייענדיק, — אויף וויפל מישטיינסגעזאָגט אַ בשר ודם קאָן שוין מיטגיין, מיט 6,000,000 יידן, וואָס גייען אין גאַז־קאַמערן!... מיט אַ וועלט, וועלכע האַלט שוין ביי אַטאָם־

באמבעם! — דערלויב איך מיר היינט [illegible] ־טן יובילעאום אפצודרוקן פערזענלעכע לידער — א פּאָעט מוז שוין, [illegible] פון זיין זשורנאל, פונקט ווי פון זיינע לידער. אז ער זאל עס קאָנען טון; אז ער זאל זיך ניט שעמען...

צום סוף נאָך, זאל מיר דער אונפּראָפעסיאָנעלער קאָמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון" מוחל זיין, וואָס איך האָב מיך אזוי ווייַ־חכם'דיק פּראָפע־סיאָנעל ארויסגעדרייט פון אן אָפיציעלער גרויסער פייערונג לכבוד דעם דער־שיינען פונם 70-טן העפטל — „דעם געניאלן גאסן־פארקויפער פון די העפטלעך" ברויך מען קיין פינגער אין מויל נישט אריינצולייגן, ווייל ער קאָן אים נאָך אפבייסן — ער איז נישט קיין מלופן־קינד...! און ער פירט זיין אייגענעם סוחרישן און פריוואטן חשבון ביד רמה. און האָפּט טאקע, מיט גאָטס הילף, אויף אזא אופן א סך בעסער אָפּצושניידן...

דאָס אלץ איז בנוגע אונזער יובילעאום! כאָטש מ'קאָן נאָך א סך מער הן זיך מתנצל זיין און דאָס ביטערע האנץ אויסגיסן און הן זיך צו צעריידן פונם אייגענעם כבוד וועגן און פונם כבוד פון די חשובה מיטארבעטער, הן פּראָפעסיאָנעלע און נישט פּראָפעסיאָנעלע.

ש.

## נאטיץ

מיין נאָטיץ איבערן טעאַטער אין ווייטשעפּל און דעם ענטפער אויף די בריוו פון פריינט מייזל און א. פּאלמע מוזן לײידער געדרוקט ווערן אין קומנ־דיקן העפטל. אויף פריינט מרגליות'ס „וויכטיקן" פּלאַן וועגן א דריי שפּראכן זשורנאל, וויים איך באמת נישט אויף וואָס ער נויטיקט זיך ערשט אין הסכמות? אין זיין פערלאג „אררט" גייט דאָך ארויס די „מצודה", קאָן ער דאָך אים פארוואנדלען אין אזא שתי ועֶרבדיקן שפּראכן־דריי אייניקייט. אויב ער זעט איין, אז דאָס איז דער איינציקער וועג און מעגלעכקייט פאר יידישער ליטעראטור און קולטור אין גלות. דער עסיי פון א. מ. פ'קס איבער שלעווינען און אויך דער ארטיקל פון טיילאָרן, אין קומנדיקן העפטל.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין קינגס האָל, 83, קאָמערשל רויד, א.1. — 3 א זייגער)

שבת, דעם 3־טן נאָוועמבער, וועט מ. מינדל, האלטן א פּאָרטראג: דאָס סאָציאלע פּראָבלעם אין דער יידישער ליטעראטור.

שבת, דעם 10־טן, געווידמעט דעם 28־טן יובילעאום פון דער סאָוויע־טישער רעוואָלוציע, עלעק וואָטערמאן וועט האלטן דעם רעפעראט.

שבת, דעם 17־טן וועט פּאולא לעסמאן, האלטן א רעפעראט: „די יידישע פרוי אין סאָוויעט רוסלאנד.

שבת, דעת 24־טן, וועט מרדכי ליכטענשטיין ריידן איבער די קאָנצענ־טראציע לאגערן אין דייטשלאנד.

**א. נ. שטענצל**

פערלאג און דרוקעריי י. נאראָדיצקי און זין, לאָנדאָן, א.1.

**פרייז** -/1.

TOWER HAMLETS LIBRARIES